YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv06i47

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 6 Issue 47
November 1924

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 6, Iss. 47)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/390

JEWISH DIV
21 '24

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצרקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ"ז, 6.)

אין מיין גערעכטיג־קייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט װאָרקערס יוניאן

Vol. VI. No. 47. New York, Friday, Nov. 21, 1924. פרייטאג, 21טען נאוועמבער, 1924. PRICE 3 CENTS

סופרים קאורט דזשאדזש ה[illegible] [illegible]ייק די ענטשיידונג וועגען לאקאל 17 א[illegible] [illegible]יישאן

שלאגט פאר ביידע צדדים זאלען קומען צו אן אויסגלייך איידער ער ה[illegible] אן ענטשיידונג. — קאורט ווערט פארוואנדעלט אין א אינטערנעשאנאל מאסען־פארזאמלונג. — [illegible] פון אלע אינטערנעשאנאל לא־קאלס פארדאמען דעם שריט פון די לאקאל 17 פיהרער. — 3 עקז. ב[illegible] מעמבערס מאכען אן ערקלערונג.

די לאקאל 17 אינדזשאנקשאן־קייס איז נאך אלץ די סענסאציע אין דער אר־בייטער באוועגונג פון ניו יארק, און אין יעדען ווינקעל פון דער ארבייטער באווע־גונג רעדט מען מיט האס און צארען גע־גען די פיהרער פון לאקאל 17 פאר מאכען דעם פאלשען שריט ארייבצושלעפען אין קאורט א אינערליכע יוניאן־פראגע.

מאנטאג אין דערפריה איז פארגעקו־מען א הירינג פון דער קייס, אין פארט 1 פון סופרים קאורט פאר ריכטער גאוועגאן. די קאורט־רום אזוי גוט ווי די קארידארען פון דער בילדינג איז יענעם פריהמארגען פארוואנדעלט געווארען אין א מיטינג לא־קאל פון דער אינטערנעשאנאל. די קאורט רום און די קארידארען זיינען אנגעפילט געווארען מיט מיטגלידער פון דער אינ־טערנעשאנאל, מענער און פרויען. מאנכע פון זיי האבען געסטאפט פון דער ארבייט צו זיין אין קאורט ביי דער הירינג. עס האט זיי אינטערעסירט צו זיין דערביי ווען די קייס וועט פארקומען, צו הערען ווי אזוי דער ריכטער וועט אויסטיילען גע־רעכטיגקייט אין אזא אינערליכע טרייד־יוניאן פראגע. און אין קאורט רום זיינען געווען מעמבערס פון כמעט אלע אינטער־נעשאנאל לאקאלס אין ניו יארק.

דער פארהער האט זיך אנגעהויבען האלב נאך עלף פארמיטאג. ווען ריכטער גאוועגאן האט געזעהן אויפטרעטען פאר איהם אזעלכע צוויי גרויסע לאיערס ווי, עקס דזשאדזש סיבורי פאר דער אנקלאגע

(שלוס אויף זייט 4.)

לאקאל 9 פייערט ער־עפענונג פון עדיוקיי־שאנאל סיזאן

דעם פרייטאג אווענט, דעם 21טען נאוועמבער, פייערט לאקאל 9, די קלאוק פינישערס יוניאן, די ערעפענונג פון דעם עדיוקיישאנאל סיזאן אין אונזער יוניאן.

לכבוד דעם האט דער לאקאל פאראנ־שטאלטעט א קלאסישען קאנצערט מיט באוואוסטע ארטיסטען. דער קאנצערט וועט פארקומען אין אודיטאריום פון דער סטייווועסאנט היי־סקול, 15טע סטריט, צווישען 1טע און 2טע עוועניו.

אין דעם קאנצערט וועלען זיך באטיי־ליגען: דער באריהמטער פידעל שפילער מישעל פיאסטרא; א באוואוסטע סאפ־ראנא זינגערין פון דער דייטשער אפערע, מיס אניטא ראיען, און דער פאעט א. לוצקי וועט אימפראוויזירען זיינע שא־פונגען.

קורצע רעדען וועלען געהאלטען ווע־רען פון מאקס לעווין און שוועסטער פא־ניא מ. קאהן, עקזעקוטיוו סעקרעטאר פון דעם אינטערנעשאנאל עדיוקיישאנאל דע־פארטמענט.

עס איז צו האפען, דאס די מיטגלידער פון לאקאל 9 און אויך מיטגלידער פון די אנדערע אינטערנעשאנאל לאקאלס, וועלען קומען צום קאנצערט, וואו זיי ווע־לען געוויס גאנץ גוט פארברענגען.

א גרויסער מעמבער־מיטינג פון קלאוק אפערייטארס אין וועבסטער האל

רעגעלע סעקשאן מיטינגען קומענדען מאנטאג אווענט אין אלע קווארטאלען

דער מעמבער מיטינג פון קלאוק אפע־רייטארס, וואס איז גערופען געווארען אין גרויסען וועבסטער האל, פאר מאנטאג אווענט איז געווען אן ערפאלג. דער גרוי־סער האל איז געווען איבערפילט מיט קלאוק אפערייטארס, די מיטגלידער פון לאקאל 2.

ווי עס איז געווען אנאנסירט איז ווייס פרעזידענט פערלשטיין, דער פארלויפי־גער מענעדזשער פון דעם לאקאל, געווען דער טשערמאן פון דעם מיטינג און ער האט איהם געפירט זעהר טאלערעט געבענ־דיג די רעדנער א געלעגענהייט זיך „אפ־צורעדען פון הארצען”, צו זאגען און רע־

(שלוס אויף זייט 16).

דרעסמאכער יוניאן לאקאל 22 גרייט זיך צו די וואהלען פאר באאמטע

אבדזשעקשאן קאמיטע מיטעט דעם שבת. — די נאמינירטע קאנדידאטען מוזען ערשיינען פאר דער קאמיטע.

לאקאל 22, די דרעסמאכער יוניאן, דער גרעסטער לאקאל אין דעם דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן, גרייט זיך צו די וואהלען וואס וועלען איינגיכען פארקומען פאר אלע לא־קאל באאמטע. ניט לאנג צוריק זיינען געמאכט געווארען נאמינייישאנס ביי אלע סעקשאן־מיטינגען פון דעם לאקאל און גאר א סך פערזאנען זיינען נאמינירט געווארען, ווי די לעזער קאנען עס זעהן פון דער לאנגער ליסט מיט נעמען פון די אלע נאמינירטע, וואס איז געדרוקט אויף א צווייטען פלאץ אין דעם היינטי־גען נומער „גערעכטיגקייט”. עס דארף ערוועהלט ווערען א מענעדזשער־סעקרע־טער, אן עקזעקוטיוו באארד און א קראנ־קען און בענעפיט קאמיטע, וואס האט אונטער איהר אויפזיכט די פארוואלטונג פון דעם קראנקען בענעפיט פאנד.

ווי עס פיהרט זיך אין אונזער יוניאן, האט לאקאל 22 ערוועהלט אן אבדזשעק־שאן קאמיטע, וועלכע דארף עקזאמינירען אלע נאמינירטע, איידער זיי קאנען ארויפגעהן אויפ'ן באלאט אלס קאנדידא־טען פאר'ן אמט וואס זיי ווילען אננעה־מען. די אבדזשעקשאן קאמיטע וועט אנ־פאנגען מיטען דעם שבת, דעם 22טען נאוועמבער, 9 אזייגער אין דערפריה, אין אפיס פון לאקאל 22, 16 וועסט 21טע סטריט, ניו יארק. אלע נאמינירטע מיט־גלידער פון דעם לאקאל זיינען אויפגע־פאדערט צו ערשיינען פאר דער אב־דזשעקשאן קאמיטע. די יעניגע וואס ווע־לען ניט ערשיינען פאר דער קאמיטע, וועלען ניט ארויפגעשטעלט ווערען אויפ'ן באלאט.

אין דער זעלבער צייט ווערען אויפ־

(שלוס אויף זייט 16).

קלאוקמאכער יוניאן פון שיקאגא קאנ־פערירט מיט מאנופעקטשורער

פרעזידענט זיגמאן אנוועזענד אויף דעם קאנפערענץ.

פרעזידענט מאריס זיגמאן, אויף דער רייזע נאך על פאזא, צו דער קאנווענשאן פון דער אמעריקאן פעדערייישאן אוו לייבאר, האט זיך אפגעשטעלט פאר א טאג אין שיקאגא, און האט בייגעוואוינט א קאנפערענץ צווישען פארטרעטער פון דער שיקאגא קלאוק און דרעסמאכער יוניאן און די מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן.

דער שיקאגא'ר „פארווערטס” באריכ־טעט וועגען דעם קאנפערענץ ווי פאלגט:

„דיזער קאנפערענץ איז גערופען גע־ווארען פון דער אסאסיאיישאן מיט דעם צוועק אנצופאנגען פארהאנדלונגען וועגען נייעם אגרימענט, דערפאר וואס דער איצ־טיגער אגרימענט ענדיגט זיך דעם 15טען דעצעמבער.

„מר. קירשבאום, דער פרעזידענט פון

(שלוס אויף זייט 16).

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט” נומער 47.

זייט 2. אין אונזער יוניאן פון באסטאן און אומגעגענד — ש. ז. ארבייטער באוועגונג איבער דער וועלט העלפט מלחמה יתומים.
זייט 3. גאמפערס ציהט זיך צוריק אלס פרעזי־דענט פון דער אמעריקאן פעדערייישאן אוו לייבאר. אינטערנעשאנאל קאלענדאר — ה סקולמאן.
זייט 4. עדיוקיישאנאל נאטיצען. שלוס פון ז. 1.
זייט 5. טעטיגקייטען אין דער קלאוק פינישערס יוניאן, לאקאל 9 — ל. היימאן. אדווערס.
זייט 6. טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען. פארשיידענעס.
זייט 7. דער צאהן — אנאטאל פראנס. עדיוקיישאנאל דעפארטמענט.
זייט 8. עדיטאריעלע נאטיצען.
זייט 9. די וויסענשאפטליכע ארגאניזירונג פון ארבייט—דר. הערמאן פראנק. דו ביסט א פרעמדער מיר (געדיכט)—מ. פערעלמוטער.
זייט 10. קארל קאוטסקי — י. ק. קורץ און שארף — י. ב. ג.
זייט 11. דער דזשאבער דעפארטמענט פון דעם דזשאינט באארד — ה. וואנדער. די וויר קונג פון קליידער — ז. ווהילער.
זייט 12. ווי אזוי די טעאריע פון עוואלוציע ווערט באשטעטיגט ל. באראדולין. קורצע שמועסען.
זייט 13. קורצע שמועסען. אדווערטייזמענט פון לאקאל 22.
זייט 14 און 15. אדווערטייזמענטס. פארשידענעס.
זייט 16. שלוסען פון זייט 1. אדווערטייזמענטס.

דיסטריקט קאונסיל פיהרט אן א לעבע־דיגען ארגאניזאציאנס־קאמפיין

דער ארגאניזאציאנס קאמפיין, וואס דער דיסטריקט קאונסיל פון די מיסעלעי־ניאוס טריידס אין דער לידיס גארמענט אינדוסטריע פון ניו יארק האט אנגעפאנ־גען מיט א קורצער צייט צוריק, ווערט גאנץ לעבעדיג אנגעפיהרט. הונדערטער מיטגלידער פון די אלע לאקאלס, וואס זיינען פאראייניגט אין דעם דיסטריקט קאונסיל, טיילען אויס יעדען טאג טויזענ־טער צירקולארס, אין ענגליש און איטא־ליעניש, רופענדיג אין דער יוניאן אריין די ארבייטער פון די דאזיגע טריידס, וועלכע שטעהען אויסער דער ארגאניזא־ציע.

די לעצטע וואך האט געבושעוועט א קאלטער וועטער, אבער די קעלט האט ניט אפגעהאלטען די הונדערטע אקטיווע מיט־גלידער פון אונזערע לאקאלס צו שטעהן אויף זייערע פאסטען און פארטיילען די יוניאן צירקולארען צו די ארבייטער פון די ניט־יוניאן שעפער. דיזע איבערגעבענע מיטגלידער קומט געוויס קרעדיט פאר זייער איבערגעבענקייט צו דער יוניאן. זיי ווייסען, אז העלפענדיג ארגאניזירען די ניט ארגאניזירטע ארבייטער פון יענע שעפער, העלפען זיי זיך אליין, אזוי גוט

(שלוס אויף זייט 16.)

אינטערנעשאנאל כאר גיט א קאנצערט אין פרעמיער טעאטער

דער אינטערנעשאנאל כאר גיט א קאנצערט אין פרעמיער טעאטער, סוטער עוועניו און הינסדייל סטריט, בראנזוויל. דער קאנצערט וועט פארקומען מיטוואך אווענט, דעם 3טען דעצעמבער.

א חוץ דעם כאר, אונטער דער פיהרערשאפט פון לעא ליאוו, וועלען זיך באטייליגען די פאלגענדע קינסטלער: די רוסישע זינגערין פון פאלקס־לידער נינא טאראסאווא, דער באוואוסטער חזן מרדכי הערשמאן, דער באריהמטער פידעל־שפילער מישעל פיאסטרא, און א סטרינג קווארטעט.

טיקעטס צו באקומען אין אלע אפיסעס פון אונזער יוניאן. פרייזען — $1.00, $1.50 און $2.00. קיין וואר־טעקס.

אמאלגאמייטעד שטעלט איין ארבייטסלאזען אינשורענס אין ניו יארק

אין „פארטשריט" פון זיבעטען נאוועמבער, דעם אפיציעלען ארגאן פון די „אמאלגאמייטעד קלאדינג ווארקערס אוו אמעריקא", ווערט באריכטעט, דאס פון קומענדען 1טען דעצעמבער, וועט אין דער מענער שניידער אינדוסטריע פון ניו יארק איינגעשטעלט ווערען אן ארבייטסלאזען אינשורענס פאנד. פאר'ן בענעפיט פון די מיטגלידער פון דער ארגאניזאציע. דער פאנד וועט פונקציאנירען אויף דעם זעלבען באזיס, ווי דער זעלבער פאנד פונקציאנירט אין שיקאגא, וואו אזא פאנד איז שוין פריהער עטאבלירט געווארען. פאר אונזערע לעזער וועט געוויס זיין אינטערעסאנט צו וויסען אויף וועלכען באזיס דער אינשורענס פאנד ווערט עטאבלירט און מיר גיבען דא איבער, מיט א פאר אפקירצונגען, וואס אין „פארטשריט" ווערט געזאגט וועגען דעם.

„דאנערשטאג, דעם 30טען אקטאבער, איז אין גענעראל אפיס אפגעהאלטען געווארען א ספעציעלע באראטונג פון די גענעראל בעאמטע מיט די בעאמטע פון דעם ניו יארק דזשאינט באארד, טשילדרענס קלאדינג דזשאינט באארד און קאטערס יוניאן, וועגען דער עטאבלירונג פון דעם ארבייטסלאזען פארזיכערונגס פאנד פאר אונזער אינדוסטריע אין ניו יארק. אויף דער באראטונג זיינען אויך אנוועזענד געווען דר. לעא וואלמאן, דירעקטאר פון אונזער אויספארשונג דעפארטמענט, וועלכער נעמט א טיכטיגען אנטייל אין דער אויסארבייטונג פון אגרימענט; ברייס סטיוארד, דירעקטאר פון אמאלגאמייטעד עמפלאימענט עקסטשענדזש אין שיקאגא, וועלכער איז איינער פון די אמאלגאמייטעד טראסטים פון דעם דארטיגען ארבייטסלאזען פאנד, און א. קאזאן, וועלכער איז צוגעצויגען געווארען צו דער ארבייט אין צוזאמענהאנג מיט יאכען די נויטיגע פארבארייטונגען צו דער עטאבלירונג פון פאנד. ברייס סטיוארד איז פון'ם גענעראל אפיס ארונטערגעבראכט געווארען קיין ניו יארק, כדי מען זאל זיך קענען באנוצען מיט זיין ערפאהרונג אין איינשטעלען דעם פאנד און ער זאל העלפען באזארגען די אדמיניסטראטיווע פונקציעס. אויף דער באראטונג אין גענעראל אפיס איז אפגעגעבען געווארען א באריכט, וואו עס האלט מיט דער אויסארבייטונג פון אגרימענט, און עס זיינען דיסקוטירט געווארען אלע פראגען וואס האבען א שייכות מיט דעם ארבייטסלאזען פאנד. עס איז ערוויילט געווארען א קאמיטע, באשטייענד פון די פינאנץ סעקרעטארען פון די צוויי דזשאינט באארדס און פון קאטערס לאקאל, וועלכע וועלען צוזאמען מיט די גענעראל בעאמטע און אונזערע פארטרעטער אין די קאמיטעס יוגגע, דעם פאנד באטראכטען פלענער ווי אזוי צו באווארענען אז דער ארבייטסלאזען פאנד זאל ארבייטען צו דער גרעסטער צופרידענהייט פון דער ארגאניזאציע און איהר מיטגלידערשאפט.

„דער פאנד דארף געגרינדעט ווערען דעם 1טען דעצעמבער. דאס איז א פונקט אין דעם סעטלמענט, וואס איז אונטערגעשריבען געווארען מיט די ארבייטסגעבער אלס רעזולטאט פון אונזער לעצטען אלגעמיינעם סטרייק אין ניו יארק. די פארטרעטער פון אונזער ארגאניזאציע האבען גענומען די נויטיגע שריט צו באווארענען זיך, אז דער דאזיגער פונקט פון סעטלמענט זאל דורכגעפיהרט ווערען אין לעבען צו דער באשטימטער צייט. איצט איז שוין געזיכערט, אז דער פאנד וועט אנפאנגען פונקציאנירען פון דעם 1טען דעצעמבער. דאס מיינט, אז אין דער וואך פון דעם 1טען דעצעמבער וועלען די ארבייטסגעבער פון גאנץ ניו יארק, די פאבריקאנטען און די קאנטראקטארען, דארפען מאכען דעם ערשטען בייטראג צום פאנד, וואס וועט באטרעפען אנדערהאלבען פראצענט פון די שכירות, וואס זיי וועלען אין יענער וואך אויסצאהלען צו אלע זייערע ארבייטער. אויך אונזערע מיטגלידער וועלען בייטראגען אנדערהאלבען פראצענט פון זייערע שכירות, און די צאהלונגען צום פאנד וועלען געמאכט ווערען רעגעלמעסיג יעדע וואך.

דער פאנד וועט פארוואלטעט ווערען פון א באארד אוו טראסטיס, באשטייענד פון א גלייכער צאהל פארטרעטער פון דער יוניאן און פון די ארבייטסגעבער, מיט אומפארטייאישען טשערמאן. דער באריכט וועגען דעם, ווי דאס קאמיטע וועגען אויסארבייטען דעם ארבייטסלאזען פאנד אגרימענט ארבייט, פארזיכערט, אז צום ערשטען דעצעמבער וועט שוין דער אגרימענט צוגעשטעלט ווערען אין אן ענדגילטיגער פארמע. די פארטרעטער פון דער אמאלגאמייטעד האבען געזארגט פאר דעם, אז אין דעם ארבייטסלאזען פאנד אין ניו יארק זאלען זיך ניט ווידערהאלען די טעות'ען וואס זיינען געווען אומפארמיידליך אין שיקאגא, וואו דער פאנד איז פאקטיש געווען אן עקספערימענט. אזוי שנעל ווי עס וועט נאר מעגליך זיין, וועלען מיר געבען איבערגעבען דעם אגרימענט.

„די צאהלונגען פון ארבייטסלאזען בענעפיט וועלען זיך אנפאנגען לויט א פארשטענדיגונג פון דער יוניאן מיט די ארבייטסגעבער, ווען אין דעם פאנד וועט זיך אנקלייבען אזא סומע געלט, וואס זאל פארזיכערען די עקזיסטענץ פון דעם פאנד. און דאן ווערען אלע ארבייטסלאזע מיטגלידער פון דער אמאלגאמייטעד ניט דארפען אפשלאגען די טירען פון אפיסעס כדי צו קריגען ארבייטסלאזען בענעפיט. עס וועט איינגעשטעלט ווערען א סיסטעם, אז אין אפיס פון דעם פאנד וועט מען האבען די גענויע אויסקינפטע וועגען די שכירות פון די ארבייטער, און ווען זיי ווערען באשעפטיגט און ווען זיי פארבלייבען ארבייטסלאז, און דער אפיס פון פאנד וועט לויט די פארשריפטען פון אגרימענט אויסצאהלען בענעפיט די ארבייטסלאזע ניט ווארטענדיג ביז מען וועט קומען בעטען די טשעקס. אזוי פיהרט זיך אויך אין שיקאגא. דער אפיס וועט אויך האבען א גענויען רעקארד פון די „פעי ראלס" פון אלע פאבריקאנטען און קאנטראקטארען, און שוין זארגען פאר דעם, אז אלע ארבייטסגעבער זאלען וועכענטליך בייטראגען די פולע סומע געלט וואס קומט פון זיי צום פאנד, לויט דעם רעכענונג פון אנדערהאלבען פראצענט פון די שכירות וואס ווערט אויסגעצאהלט צו די ארבייטער. עס ווערען שוין געמאכט די נויטיגע אראנדזשמענטס צו עטאבלירען אן אפיס פאר דעם ארבייטסלאזען פאנד, מיט די פאסיגע אנגעשטעלטע, און אלע מיטלען ווערען אנגענומען, אז אין דער ערשטער וואך אין דעצעמבער זאל דער ארבייטסלאזען פאנד אין ניו יארק שוין זיין א ווירקליכקייט.

„פאר די שניידער אין ניו יארק איז דער ארבייטסלאזען פאנד פון ספעציעלער וויכטיגקייט דערפאר, וואס ערשטענס, איז מצד די ארבייטסגעבער גארניט געטאן געווארען אין דער ריכטונג צו פארלייכטערען די סעזאנען פון ארבייט. ווען זיי וועלען געצוואונגען זיין צו צאהלען צום ארבייטסלאזען פאנד, וועלען זיי ראן פאראינטערעסירט ווערען צו זארגען פאר דעם, אז דער סעזאן זאל ניט איינגעצוימט ווערען, נאר ער זאל דויערען לענגער. צווייטענס, האבען אונז די לעצטע יאהרען פון אינדוסטריעלען קריזיס שוין באוויזען, אז אהן אן ארבייטסלאזען פאנד, צו וועלכען די בעלעבאטים זאלען צאהלען א געוויסע סומע געלט, ווערט די לאגע פון די ארבייטסלאזע אומערטרעגליך. די יוניאן האט ניט פאר דעם קיין ספעציעלע פאנדען, און קיין פאנד פון דער יוניאן אליין, ווי גרויס ער זאל ניט זיין, וואלט ניט געווען גענוג צו שטיצען די ארבייטסלאזע. דערצו שטעהט די יוניאן אויף דעם שטאנדפונקט אז די אינדוסטריע אלס א גאנצע איז פארפליכטעט צו זארגען וועגען די קרבנות פון ארבייטסלאזיגקייט, און זי האט אויסגעקעמפט דעם דאזיגען פרינציפ.

„דער ארבייטסלאזען פאנד איז שוין ניט מעהר א פאנטאזיע. אין שיקאגא האבען דרייסיג טויזענט שניידער אין פארלויף פון איין סיזאן, וואס דויערט פון מאי ביז נאוועמבער, געקראגען אויסגעצאהלט ארבייטסלאזען בענעפיט אויף דער סומע נאהענט צו א מיליאן דאלאר. די לאגע פון טויזענטער ארבייטסלאזע וואלט געווען א פארצווייפעלטע, אויב עס וואלט ניט געווען די פארזיכערונג, אז מען וועט קריגען ארבייטסלאזען בענעפיט. דער קארגער מיליאן דאלאר, וואס איז צו זיי אויסגעצאהלט געווארען אין א קארגען האלבען יאהר, האט פילע ארבייטער פאמיליעס פשוט דערהאלטען ביים לעבען. דערביי האבען זיי זיך ניט געדארפט ערנידעריגען. זיי האבען אפילו ניט געדארפט קומען אונטערשרייבען אפליקיישאנס פאר בענעפיט. נאכדעם ווי זיי זיינען אפגעוועזען ארבייטסלאז צוויי וואכען, האבען זיי פאר דער צווייטער וואך דערהאלטען א טשעק פון דעם אפיס, און אין פארלויף פון צוויי מיט א האלבער וואך אין דעם ערשטען פעריאד (פון מאי ביז נאוועמבער) האבען זיי דערהאלטען פערציג פראצענט פון זייערע שכירות, וואס איז געווען פאר זיי א גרויסע פארלייכטערונג.

„אין פארלויף פון די עטלאכע וואכען, וואס זיינען פארבליבען ביז דעם 1טען דעצעמבער, ווען דער פאנד וועט עטאבלירט ווערען, וועלען נאך אויסגעארבייט ווערען מעהר איינצעלהייטען, און עס וועלען קלאר געמאכט ווערען פילע פראגען אין צוזאמענהאנג מיט דעם פאנד".

קלאוק אפערייטארס!

א דזשענעראל מעמבער מיטינג

פון מעמבערס פון לאקאל 2, א. ל. ג. וו. י.

וועט אפגעהאלטען ווערען

מאנטאג, דעם 17טען נאוועמבער, 7.30 אווענט

אין וועבסטער האל, 119 איסט 11טע סטריט

די פראגע אויפ'ן טאגעס ארדנונג וועט זיין:

די יוניאן, וואס איז צו טאן איהר צו מאכען בעסער און שעהנער?

די מעמבערשיפ פון דער יוניאן ווערט אויפגעפאדערט צו קומען אין מאסען, דיסקוטירען די פראגע און אויך פארשלאגען פלענער.

די קאמיטע פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד וועט אנוועזענד זיין ביי דעם מיטינג און אנטייל נעמען אין דער דעבאטע.

וויים-פרעזידענט מ. פערלשטיין וועט זיין טשערמאן.

מיט גרוס,

עקזעקוטיוו באארד לאקאל נומער 2, א. ל. ג. וו. י.

גאמפערס ציט זיך צוריק אלס פרעזידענט פון דער א. פ. אוו ל.

זיין הויכער עלטער און שוואכער געזונט צווינגען איהם זיך צוריקצוציהען פון אקטיווען יוניאן־לעבען. — מערקווירדיגע סצענעס פון באגייסטערונג ביי דער ערעפענונג פון דער קאנווענשאן. — גאמפערס צו שוואך צו האלטען זיין רעדע און גרין לעזט זי פאר.

מאנטאג אין דער פריה, דעם 17טען נאוועמבער, האט זיך געעפענט די 44טע קאנווענשאן פון די אמעריקאן פעדערייישאן אוו לייבאר, אין על פאזא, טעקסעס.

ווי עס ווערט געמעלדעט טעלעגראפיש, זיינען ביי דער ערעפענונג פארגעקומען מערקווירדיגע סצענעס, אי פון באגייסטערונג, אי פון באדויערען. באזונדערס זיינען געווען צוויי סצענעס, וועלכע ווערען קיינמאל ניט פארגעסען ווערען פון די, וואס זיינען געווען דערביי.

איין סצענע איז געווען א טראגיש־ריהרענדע און די אנדערע איז געווען פון ענטוזיאזם, וואס מען האט נאך קיינמאל ניט געזעהן ביי אמעריקאנער קאנווענשאנס. די ריהרענדע סצענע איז געווען, ווען סעמועל גאמפערס, דער פרעזידענט, האט די קאנווענשאן ערעפענט. דאס איז דאס ערשטע מאל, וואס גאמפערס קען אליין קיין רעדע ניט האלטען ביי דער ערעפענונג פון א קאנווענשאן פון דער א. פ. אוו ל. צוליב זיין שוואכען געזונט און הויכען עלטער, און ער האט געמוזט ארויפרופען אויף דער פלאטפארמע איינעם פון זיינע חברים צו לעזען זיין רעדע פון א שריפט. דאס איז געווען וויליאם גרין, דזשענעראל סעקרעטער פון די מיינערס, וועמען ער האט ארויפגערופען. פריהער האט ער אליין געזאגט א פאר ווערטער אין א שוואכער שטימע און ווען ער האט ארויסגענומען א פאפיר פון פאקעט און דערביי ערקלערט, אז אימיצער אן אנדערער וועט לעזען פאר איהם זיין רעדע, איז ביי אלעמען דורכגעלאפען א ציטער פון סימפאטיע. שפעטער, ווען גרין האט געלעזען אין גאמפערס'עס נאמען, אז עס קומט די צייט, ווען ער וועט מוזען אויפגעבען זיין פיהרערשאפט אין דער א. פ. אוו ל. און אן אנדערער וועט מוזען קריגען דעם ציטטער, זיינען אלע פארבליבען פארגאפטע. מען איז געבליבען אהן אטעם.

אבער דער געפיהל ווענען גאמפערס'ן אלס א טראגישע פיגור צוליב דעם, וואס ער האט דערגרייכט אזא הויכען עלטער, דאס ער מוז אויפגעבען זיין פיהרערשאפט, איז א פאר מינוטען שפעטער פארשוואונדען, ווען פאר אלע דעלעגאטען און הונדערטע געסט האט זיך ארויסגעוויקעלט א בילד, אויף וועלכען מען האט געזעהן ווי גאמפערס האט דערלעבט א מערקווירדיג שעהנעם עלטער.

די קאנווענשאן אין על פאזא, אויפ'ן גרענעץ פון מעקסיקא, איז אין דעם ערעפענונגס־טאג אויך פארוואנדעלט געווארען אין א דעמאנסטראציע פאר אינטערנאציאנאליזם. ביי דער קאנווענשאן זיינען דא 400 דעלעגאטען פון די פאראייניגטע שטאאטען; עס זיינען דא פראטערנאל דעלעגאטען פון דייטשלאנד, ענגלאנד, קאנאדא און מעקסיקא. צו דעם נאך זיינען געקומען צו דער קאנווענשאן פון דער א. פ. אוו ל. טויזענד דעלעגאטען פון דער מעקסיקאנישער פעדערייישאן אוו לייבאר, וואס האט אין דער זעלבער צייט א קאנווענשאן אויף דער אנדערער זייט גרענעץ, בלויז אריבערצוגעהען א בריק פון על פאזא, טעקסעס. ווען די טויזענד דעלעגאטען זיינען אריינגעקומען אין האל, זיינען פארגעקומען אזעלכע סצענעס פון ברידערליכע אויפנאהמעס, אז דער גרויסער זאל, וואו די קאנווענשאן קומט פאר, האט געשטורעמט ווי א ים.

צווישען די טויזענד מעקסיקאנער דעלעגאטען זיינען געווען פילע פון פארמער ארגאניזאציעס. זיי זיינען געווען אנגעטאן אין מעקסיקאנישע ווייסע פארמער־קליידער, מיט ברייטע מעקסיקאנישע שטרויענע העטס. די דעלעגאטען פון די אייזענבאהן־יוניאנס און פאבריקען זיינען געקומען אנגעטאן אין אווועראלס. ביים שלוס פון דער זיצונג, וואו מען האט געהאלטען רעדעס און וואו גאמפערס אליין האט שוין אויך ניט געקענט ביישטעהן, און טראץ זיין קראנקהייט און מידקייט, אויך געהאלטען א רעדע, איז פארגעקומען א מערקווירדיגע סצענע. אויף דער פלאטפארמע זיינען געווען: גאמפערס אלס טשערמאן פון דער זיצונג; טרעווינא און ריקא, די פיהרער פון די מעקסיקאנער ארבייטער; סווילס און קאלבערט, פון בריטישען טרייד־יוניאן קאנגרעס; קרעם, פון די קאנאדישע טריידס, און פיטער גראסמאן, דער פראטערנאל דעלעגאט פון דייטשלאנד. גאמפערס האט זיי אלעמען צונויפגענומען און זיי האבען זיך אלע געדריקט די הענד. איז ארויסגעקומען דערפון א בילד פון הענד געפלאכטען אין הענד פון ארבייטער־פארשטעהער פון פינף לענדער, און ווען גאמפערס האט געזאגט, אז זאל דאס זיין א דעמאנסטראציע פון איינינקייט און פרידען אויף דער וועלט, איז דער גאנצער ריזינער פובליקום אוועק ווילד אין אן אומבאשרייבליכען ענטוזיאזם. ווען גאמפערס האט נאכדעם געשלאסען די זיצונג, האבען זיך פון זיינע אויגען געקייקעלט שטראמען טרעהרען.

דער עקזעקוטיוו קאונסיל האט גלייך מאנטאג גענומען פארלעזען זיין רעפארט און דער רעפארט ווייזט אן אויף אלע פראגען, מיט וועלכע די א. פ. אוו ל. האט זיך פארנומען אין פארלויף פון יאהר.

איינע פון די וויכטיגסטע פראגען, וואס וועלען פארהאנדעלט ווערן ביי דער הייי־יאהריגער קאנווענשאן, איז די פראגע פון ארגאניזירען די מיליאנען פרויען, וואס זיינען באשעפטיגט אין דער אמעריקאנער אינדוסטריע. פאר דעם צוועק האט א ספעציעלע קאמיסיע אויסגעארבייט אן אויספיהרליכען פלאן מיט א באזונדער דעפארטמענט, וועמעס אויפגאבע עס וועט זיין אנצופיהרען דעם דרייוו פאר דער ארגאניזירונג פון די פרויען־ארבייטער.

לויט די אדרעסעס פון די פיהרער פון דער א. פ. אוו ל. איז דיזע פראגע ספעציעל אונטערזוכט געווארען און עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז אין אמעריקא זיינען דא דריי און א האלב מיליאן פרויען, וועלכע ארבייטען אין פעקטארים און אין שעפער. פון זיי באלאנגען צו די יוניאנס 200 טויזענד, דאס איז ווייניגער ווי אין ענגלאנד, וואו די צאהל ארגאניזירטע ארבייטער־פרויען דערגרייכט 615 טויזענד און נאך ווייניגער ווי אין דייטשלאנד, וואו די יוניאנס צעהלען א מיליאן מיט 682 טויזענד פרויען מיטגלידער.

מרס. סעראה קאנבא, פון ניו יארק, וועלכע האט געהאלפען אנצופיהרען דיזע אונטערזוכונג, דערצעהלט, אז פון דריי און א האלב מיליאן פרויען, וואס זיינען באשעפטיגט אין דער אמעריקאנער אינדוסטריע, זיינען צוויי מיליאן פארהייראט. פאר זיי, הייסט עס, איז די ארבייט אין שאפ א נויטווענדיגקייט ווי פאר די מענער, און דעריבער, דענקט זי, וועט זיין ניט שווער זיי צו ארגאניזירען.

אינטערנעשאנאל קאלענדאר

פון ת. סקולמאן.

היינטיגע וואך מיט 12 יאהר צוריק

אין א סכסוך צווישען דער יוניאן און די מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן ווענען דעם צי זאלען די וואכען־הענד, וועלכע ארבייטען זונטאג, אנשטאט שבת, אין דער קלאוק־אינדוסטריע קריגען באצאהלט פאר קאלומבוס דעי, וועלכער פאלט אויס אום שבת, אדער נים, פסק'ענט פראפעסאר עדווארד ט. דיוואין צו גונסטען פון דער יוניאן.

☙

עס [illegible] ארויסגערופען א סטרייק ביי א געוויסען [illegible] אין ווײנלענד, ניו דזש. די קאנדיי[illegible] בעפאר דער סטרייק איז געווען [illegible] 60 שטונדען א וואך ארבייט, פינישערס — 10 סענט א שטונדע, פרעסערס — 14 דאלאר א וואך, א. ז. וו. די בעלי־מלאכות פון דעם שאפ איז געווען א צוזאמענגעלאפענער פון פילאדעלפיא, ניו יארק און אנדערע שטעדט. נאך מעהרערע פארזוכען איז דער יוניאן געלונגען די ארבייטער ארויסצונעהמען - אין סטרייק.

☙

אין דעם פינאנס־באריכט פון לאקאל 23 ווערט רעפארטעט פאר די מאנאטען דזשולײ, אויגוסט און סעפטעמבער. איינגאהמע נײנצעהן טויזענד הונדערט עלף דאלאר מיט 6 סענט. אויסגאבען 17 טויזענד 76 דאלאר מיט 82 סענט. דער פארמעגען פון לאקאל ביי דער ענדע פון דעם קווארטאל אין יאהר 1912 האט באטראפען די סומע פון 42 טויזענד, 22 דאלאר מיט 6 סענט.

סאוויעט רוסלאנד
אוקראינע
ראדיא
דורך

די אמעריקאן עקספרעס קאמפאני מאכט באקאנט, אז אין משך פון די לעצטע פאר מאנאטען האט זי אריבערגעשיקט מיליאנען דאלארס דורך ראדיא נאך סאוועט־רוסלאנד און אוקראינע. און דאס געלט איז אויסגעצאהלט געווארען אין אמעריקאנער דאלארס שנעל און זיכער.

דאס געלט, געשיקט דורך ראדיא, איז ערהאלטען געווארען אין סאוועט־רוסלאנד און אין אוקראינע מיט

צעהן ביז פופצעהן טעג שנעלער

ווי ווען דאס געלט וואלט געשיקט געווארען דורך פאסט.

די עקסטרא־קאסטען פאר אריבערשיקען געלט דורך ראדיא דורך דער אמעריקאן עקספרעס קאמפאני איז בלויז 35 סענט נאך סאוועט־רוסלאנד (אנדערע לענדער 25 סענט) און 6 סענט פאר יעדען ווארט וואס דער ראדיא־מעסעדזש אנטהאלט.

דאלארס קענען אויך אריבערגעשיקט ווערען נאך סאוועט־רוסלאנד און אוקראינע דורך אן אמעריקאן עקספרעס מאני־ארדער, וואס ווערט דארט אויסגעצאהלט אין משך פון 3 ביז 3 און א האלב וואכען.

אין פוילען, ליטהויעניא, באלטישע שטאטען
און אנדערע טיילען פון יוראפ

ווערען דאלארס אריבערגעשיקט דורך

ראדיא, קייבעל און מאני־ארדער
און אויסגעצאהלט אין אמעריקאנער דאלארס

די אמעריקאן עקספרעס קאמפאני, איז איינע פון די עלטסטע און גרעסטע אמעריקאנער פינאנץ־אינסטיטושאנס, מיט אפיסעס און פארטרעטער אין סאוועט־רוסלאנד, אוקראינע, פוילען, ליטע און אין אלע אנדערע טיילען פון דער וועלט, און איז דערום די בעסטע געזעלשאפט, וועמען איהר קאנט אנפארטרויען אייערע געלט־איבערשיקונגען.

AMERICAN EXPRESS COMPANY

65 בראדוויי, ניו יארק

18 טשאטהעם סקוועער, קארנער איסט בראדוויי
2131 בראדוויי
מארים פארק און 180טע סט.
1 וועסט 125טע סט.

17 וועסט 23טע סט., קארנער 5טע עוועניו.
22 וועסט 15טע סט.
118 וועסט 39טע סט.
1251 דריטע עוועניו.

ברוקלין, נ. י. — 3טע עוו. און 41טע סט.
נוארק, נ. דזש. — 876 בראד סט.

איינינע אמעריקאן עקספרעס אפיסעס אין אנדערע שטעדט:

אטלאנטא, גא., מק'לאון־באווען בילדינג, 47 פעירליע סטרים.
באלטימאר, מר., 132 וו. פעיעט סט.
בירמינגהעם, אלא., 4 נארד 19טע סטריט.
באסטאן, מאסס., 333 וואשינגטאן סט.
קליוולאנד, א., 2048 איסט 9טע סטרים.
דענווער, קאלא., 1643 סטאוט סטרים.
אינדיאנאפאליס, אינד., 259 ס. מערידיאן סט.
קענזעס סיטי, מא., 1125 מק'גי סט.
לאס אנדזשעלעס, קאל., 724 ס. אליוו סט.
מינעאפאליס, מינ., 619 מארקוועט עוו.
מאנטרעאל, קענעדע, 521 פיליפס סקוו.
מילוואקי, וויסק., 366 בראדוויי.
פילאדעלפיא, 1708 טשעסטנאט סט.

ניו ארלינס, לא., 707-709 גרייוויער סט., טשארלס האטעל בילדינג.
פיטסבורג, פא., 347 פערטע עוו.
סאלט לייק סיטי, יוטא, 26 וו. 2טע סאוט סט.
פארטלאנד, ארעגאן, 6טע און אוק סטס.
סאן פראנציסקא, מארקעט סט., נעבען 2טע.
סט. לואיס, מא., 9טע און לאקוסט סטס.
סיאטעל, וואשינגטאן, 804 דריטע עוו.
וואשינגטאן, ד. ק., 1331 „דזש" סט., נ. וו.
באפאלא, נ. י., מעין און אירי סטס.
שיקאגא, איל., 15 נארט וואבאש עוו.
סינסינעטי, א., פערטע און רייס סטס.
דאללאס, טעקסעס, 1306 קאמערס סט.
דעטראיט, מיש., 25 פארט סט., וועסט.

וואלדמאן און ליבערמאן
לאיערס

302 BROADWAY, NEW YORK

Telephone: Worth 5623-5624

מעדיקאל עקזאמינייִשאנס פאר פרויען

אום מיר זאלען קענען אויף א געהעריגען אופן געבען די נויטיגע אויפמערקזאמקייט צו אלע פרויען־מעמבערס פון דעם לאקאל 22, וועלכע נויטיגען זיך אין מעדיצינישע עקזאמינייִשאנס, האט דער יוניאן העלטה־סענטער ארגאנזירט איינינע פרויען־דאקטוירים, וועלכע מען וועט קענען זעהן יעדען טאג, אויסער פרייטאג און זונטאג, פון 11.30 ביז 1 אוהר, און פון 5 ביז 6.30 נאכמיטאג.

קריגט א קארד פון אייער לאקאל אדער צאהלט איין דאלאר אין דעם יוניאן העלטה סענטער, 131 איסט 17טען סטריט, ניו יארק.

אין אונזער יוניאן פון באסטאן און אומגעגענד

ספעציעלע קארעספאנדענץ פון ש. ז.

ביי די קלאוקמאכער.

דער לעצטער סיזאן אין דער קלאוק־אינדוסטריע איז געווען זעהר א שלעכטער. די קלאוקמאכער באהויפטען, אז אזא שלעכטען סיזאן געדענקען זיי ניט זינט זיי ארבייטען ביי קלאוקס. ניינציג פראצענט פון די קלאוק־מאכער האבען ניט אייגעארבייט קיין פולע וואכען דורך דעם גאנצען סיזאן.

זעלבסטפארשטענדליך, אז אזא לאגע רופט זיך אפ שלעכט אויף דער גאנצער יוניאן. די יוניאן איז יעצט פארנומען מיט שאפען מיטלען צו העלפען די וואס מוזען קריגען שטיצע. ווי געוועהנליך, האבען די לאקאלס ניט קיין ספעציעלע פאנדס פאר דיזען צוועק און דערפאר וועט מען ניט קענען פיל אויפטאן אין דיזען הינזיכט צו העלפען די ליידענדע ביז צום נעקסטען סיזאן.

די דרעס אינדוסטרי.

ניט פיל בעסער איז די לאגע אין דרעס טרייד. ביי דרעסעס איז געווען א ביסעל מעהר ארבייט ווי ביי קלאוקס, אבער אויך ביי דרעסעס האט דער סיזאן ניט אנגעהאלטען מעהר ווי פינף־זעקס וואכען, און דערצו איז די דרעס־אינדוסטריע ניט אינגאנצען ארגאניזירט. דיזער צושטאנד איז באשאפען געווארען זינט דעם לעצטען דזשענעראל סטרייק, וואס האט זיך געענדיגט ניט אינגאנצען צו גונסטען דער יוניאן.

לאקאל 7 רײנקאוט מאכער.

ריינקאוטס האט מען ניט געמאכט קיין סך אין קיין שטאדט. אין באסטאן איז געווען ווייניגער ריינקאוטס ווי איבעראל, און די מעהרסטע שעפער וואס האבען פריהער געמאכט ריינקאוטס, האבען אנגעהויבען ארבייטען טאפקאוטס און רעגעלע קאוטס, און אויך אויף דער ארבייט איז דער סיזאן געווען א קורצער, און ווייל דער לעצטער סיזאן איז געווען זעהר א שלעכטער איז די פינאנציעלע לאגע פון אלע לאקאלס ניט קיין גלענצענדע.

עקאנאמיע אין דזשאינט באארד.

אין די לעצטע עטליכע מאנאטען האט דער דזשאינט באארד גענומען טראכטען ווי אזוי צו פארקלענערן די אויסגאבען און א קאמיטע איז פאר דיזען צוועק ערוועהלט געווארען און האט אריינגעבראכט א רעקאמענדאציע, אז בלויז צוויי באצאהלטע באאמטע זאלען אטענדען צו דער ארבייט פון דזשאינט באארד פון די קלאוק און דרעס־מאכער יוניאן, אנשטאט 4, וואס האבען געארבייט פריהער, 2 פון די קלאוק מאכער און 2 פון לאקאל 49, דרעס מאכער, ווען ער איז געווען א באזונדער לאקאל. יעצט באלאנגען אויך די דרעס־מאכער אין דזשאינט באארד.

די זעלבע קאמיטע האט אויך אריינגעבראכט א רעקאמענדאציע, אז אן ארגאנייזער זאל אנגעשטעלט ווערען צו ארגאניזירען די ניט־יוניאן שעפער.

דער אפיס סטעף ווערט רע־ארגאניזירט.

שוין א לענגערע צייט ווי עס האט זיך געפיהלט אן אונצופרידענהייט ביי דעם דזשאינט באארד און אויך ביי די לאקאלס מיט דער מענעדזשמענט פון דזשאינט באארד און דאס האט אריינגעבראכט א שלעכטען גייסט אין דער גאנצער יוניאן. און אזוי ווי דער דזשאינט באארד האט ניט געקענט געפינען אויפ'ן מאמענט קיין פאסענדען פערזאן איבערצונעמען די ארבייט האט דער דזשאינט באארד פארלאנגט פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד צו באווילינגען פאר איינינע מאנאטען צוויי מענשען, איינעם אלס מענעדזשער און איינעם אלס ארגאנייזער. דער דזשאינט באארד האט אויך פארלאנגט, אז וויים־פרעזידענט סאל. זיידמאן זאל זיין דער מענעדזשער און סופערווייזער איבער דעם גאנצען דזשאינט באארד.

יעצט באשעפטיגט דער דזשאינט באארד בלויז צוויי מענשען — א מענעדזשער און א ביזנעס איידזשענט. א דריטער איז אן ארגאנייזער, און דאס איז וויים־פרעזידענט מאנעסאן. די גאנצע ארבייט איז אונטער דער אויפזיכט פון וויים־פרעזידענט סאל. זיידמאן.

דער נייער ביזנעס־איידזשענט, וואס איז ערוועהלט געווארען, איז ברודער נחום נינזבורג, געוועזענער טשערמאן פון דעם אפערייטארס לאקאל 56, אויף דעם פלאץ פון מייער פריינס, דעם געוועזענעם ביזנעס־איידזשענט.

די פריהערדיגע באאמטע האבען נאך געדארפט שטעהן 6 מאנאטען אין אמט, נאר נעמענדיג אין אנבאטראכט, אז זייער זיין אין אפיס וועט ניט ברענגען קיין נוצען דער יוניאן, האבען זיי רעזיגנירט. יעצט, דענקט מען, וועט זיך אנפאנגען א נייער לעבען אין באסטאנער דזשאינט באארד און אויך אין די באזונדערע לאקאלס.

ארגאניזאציאנס־ארבייט אין באסטאן און אומגעגענד.

אין באסטאן געפינען זיך ארום דריי טויזענט קלאוק און דרעס־מאכער. די קלאוק־מאכער אין באסטאן זיינען גוט ארגאניזירט. די מעהרסטע אקטיווע מענשען אין דער יוניאן זיינען שוין אלטע, אויסגעפרואווטע יוניאן־לייט, און די שעפער, וואס געפינען זיך אין שטאדט, זיינען גוטע יוניאן־שעפער. אויך באסטאן האט אבער די מכה פון דזשאבבערס און קאנטראקטארס. עס האבען זיך געעפענט א סך קליינע שאפקעס אין באסטאן און אויסער באסטאן, מעהר ווי פיל דער טרייד דארף האבען.

לעצטען סיזאן האט די יוניאן זיך ענטזאגט צו בעטען מיט א צאהל פון דיזע קליינע שאפקעס און אכטונג געגעבען, אז דער אגרימענט מיט די דזשאבבערס, וואס זאגט אז ארבייט זאל געגעבען ווערען נאר אין יוניאן־שעפער, זאל אויפגעהיט ווערען. און אויך דיזען סיזאן איז פילעס געטאן געווארען, ניט קוקענדיג אויף דעם וואס דער סיזאן איז געווען זעהר א שלעכטער, אז די ארבייט זאל געמאכט ווערען בלויז אין יוניאן־קאנטראקטינג שעפער.

עס איז אבער פונדעסטוועגען אלץ דא א גרויסע צאהל ניט־יוניאן קאנטראקטינג שעפער אויסער באסטאן און די יוניאן וועט מוזען זיין אויף דער וואך קומענדען סיזאן די אלע שעפער צו ארגאניזירען אדער זיי ארויסצוטרייבען פון ביזנעס.

פיל מעהר ארגאניזאציאנס־ארבייט פאדערט זיך אין דער דרעס־אינדוסטריע אין באסטאן און ארום באסטאן. נאך דעם לעצטען סטרייק זיינען אין באסטאן געבליבען א צאהל גרויסע שעפער ניט ארגאניזירט. עס זיינען אויך דא א גרויסע צאהל קאנטראקטינג־שעפער אין באסטאן, וואס זיינען נאך ניט ארגאניזירט. ביז יעצט האט נאך די יוניאן ניט קיין אגרימענט מיט די דרעס־דזשאבבערס. די יוניאן מאכט אבער אלע פארברייטונגען צו צווינגען די דרעס־דזשאבבערס צו האבען אן אגרימענט מיט דעם דזשאינט באארד און צו האלטען דעם דזשאבבער פאראנטווארטליך, אז זיין ארבייט זאל געמאכט ווערען נאר אין יוניאן־שעפער און אז דער דזשאבבער זאל אויך זיין פאראנטווארטליך פאר אלע אנדערע קאנדישאנס, פונקט ווי דער יוניאן־מאנופעקטשורער. אויך ארום באסטאן זיינען דא א גרויסע צאהל ניט־יוניאן שעפער, און עס פאדערט זיך א סך ארבייט די שעפער צו ארגאניזירען, און פארברייטונגען ווערען געמאכט דיזע ארבייט דורכצופיהרען מיט ערפאלג.

לאקאל זיבען.

דיזער לאקאל האט בלויז 250 מיטגלידער. די מיטגלידער פון לאקאל 7 צאהלען הויכע דיוס 60 סענט א וואך און יעדען יאהר אן אסעסמענט פון 10 און 15 דאלאר. זיי האבען א שעהנעם אפיס, האלטען א ביזנעס־איידזשענט און אויך א בוקקיפער. זעלבסטפארשטענדליך, אז אפילו מיט די הויכע דיוס איז שווער אויסצוהאלטען און דעקען אלע אויסגאבען פון דעם לאקאל, און עס איז דא א גרויסער פארלאנג יעצט, אז לאקאל 7 זאל ווערען א טייל פון דזשאינט באארד פון די קלאוק און דרעס מאכער יוניאן, און מיט דער צייט דענקט מען, אז דאס זאל פארווירקליכט ווערען. דאס וועט אויך פארקלענערען די אויסגאבען. פארלויפיג איז דער דזשאינט באארד געגען אריינגעמען לאקאל 7. איך דענק אבער, אז מיט דער צייט וועט זיך די לאגע ענדערען.

אויך אין דיזען טרייד פאדערט זיך א סך ארגאניזאציאנס־ארבייט, ווייל די צאהל ארבייטער, וואס זיינען באשעפטיגט ביי ריינקאוטס אין די ניט־יוניאן שעפער אין באסטאן און אויסער באסטאן איז באלד צוויי מאל אזוי גרויס, און דערפאר פאדערט זיך א סך ארבייט אויך אין דיזען טרייד.

ווען פרעזידענט זיגמאן איז געוועזען אין באסטאן האט זיך א קאמיטע פון לאקאל 7 געווענדעט נאך שטיצע אנצופירען א קעמפיין און עס איז דאן פארשטאנען געווארען, אז וויים־פרעזידענט זיידמאן זאל אויפפאסען און העלפען אין דעם קעמפיין צום נעקסטען סיזאן.

לאקאל 24 סקוירט און דרעס מאכער און לאקאל 49 ווייסט און דרעס מאכער.

זייט א באשלוס פון לעצטען דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד מיטינג דארפען זיך די צוויי לאקאלס פאראייניגען און דיזער באשלוס וועט אין קורצען דורכגעפיהרט ווערען, ווייל אין באסטאן, אזוי ווי איבעראל, און ספעציעל אין באסטאן, ווערען יעצט קיין סקוירטס ניט געמאכט, און אלע מיטגלידער פון לאקאל 24 ארבייטען ביי דרעסעס. פאלגליך איז ניטא קיין גרונד פאר דער עקזיסטענץ פון צוויי לאקאלס. פאר דעם צוועק זיינען ערוועהלט געווארען צוויי קאמיטעס, פון די לאקאלס 21 און 49. אויך האט דער דזשאינט באארד ערוועהלט א קאמיטע דורכצופיהרען די אמאלגאמיישאן ווי אם שנעלסטען. עס איז צו האפען, אז דורך דיזער פאראייניגונג וועט אריינגעבראכט ווערען מעהר לעבען אין דער גאנצער דרעס־אינדוסטריע.

ווי געוועהנליך, הערשט א ביסעל אונצופרידענהייט צווישען מאנכע מיטגלידער פון לאקאל 24, וואס איז גאנץ נאטירליך צו ערווארטען, אויס דעם גרונד פון לאקאל פאטריאטיזם. דאס וועט אבער ניט שטערען פיל, אז די פאראייניגונג זאל גאר אין קורצען שטאטפינדען. אלס גוטע יוניאן־מעמבערס וועלען זיי פארשטעהן, אז די אינטערעסען פון דער יוניאן און פון טרייד שטעהען העכער ווי די לאקאלע אינטערעסען.

אין יעדער יוניאן אדער ארגאניזאציע איז דא פאליטיק און באסטאן איז אויך ניט קיין אויסנאהם אין דער הינזיכט. ניט, חלילה, סאציאלע פאליטיק, נאר פערזענליכע פאליטיק מעהרסטענס. דיזער צושטאנד האט געשטערט זעהר פיל אין דער וויכטיגער ארבייט פון דער יוניאן. יעצט, נאכדעם ווי א נייע אדמיניסטראציע איז אריינגעקומען, האפט מען, אז אלע פערזענליכקייטען וועלען פארשווינדען און יעדער מיטגליד פון די באסטאנער לאקאלס וועט זיין פאראינטערעסירט צו ארבייטען פאר דעם וואוילזיין פון דער יוניאן און די מעמבערס.

באסטאן האט א גאנץ גוטען עלעמענט פון יוניאן־לייט, זיכער ניט קיין ערגערען פון אנדערע שטעדט. די מיטינגען ווערען באזוכט פון א גרעסערער צאהל מיטגלידער ווי אין אנדערע שטעדט. יעדער לאקאל האט צוויי מיטינגען א וואך — א רעגעלען מעמבער־מיטינג און אן עקזעקוטיוו־מיטינג. ארבייט איז יעצט דא זעהר פיל, צו פארשטארקען די לאקאלס, זיי אויסצובעסערען פון א סך איבלען. דערצו פאדערט זיך איינגיקייט און איבערגעבענהייט.

די פלענער פאר דיזער ארבייט ווערען צוגעגרייט, און מיר האפען, אז אלע מיטגלידער וועלען זיך אריינווארפען אין דער ארבייט מיט איבערגעבענהייט דאס דורכצופיהרען.

ארבייטער באוועגונג איבער דער וועלט מאכט א צדקה טאג צו העלפען יתומים

דער טאג איז זונטאג, דעם 7טען דעצעמבער. — סעקרעטער בארא פאדערט אויף די לאקאלס פון אונזער אינטערנעשאנאל מיטצוהעלפען.

אלס א רעזולטאט פון דער לעצטער וועלט שחיטה, זיינען געבליבען מאסען יתומים אין פילע לענדער, וואס ליידען גרויס נויט. אבער אין ערגעץ ניט זיינען פארבליבען אזוי פיל הילפלאזע יתומים ווי אין דעם נאהענטען מזרח. מאסען קינדער, פון פארשיידענעם עלטער, זיינען אין דער גרעסטער נויט, ליידענדיג פון הונגער און קעלט און עס געהט אן א באוועגונג איבער דער וועלט צו העלפען די דאזיגע אומגליקליכע קינדער.

די באוועגונג צו העלפען די מלחמה יתומים ווערט געשטיצט פון דער ארגאניזירטער ארבייטער באוועגונג פון דער וועלט און עס איז באשלאסען געווארען, דאס זונטאג, דעם 7טען דעצעמבער, זאל אין אלע לענדער דורכגעפיהרט ווערען וואס מען רופט, א „גאלדען רול סאנדעי" פאר דעם בענעפיט פון די מלחמה יתומים אין דעם נאהענטסטען מזרח. אין דער באוועגונג באטייליגט זיך אויך די ארגאניזירטע ארבייטערשאפט פון די פאראייניגטע שטאטען.

נאך פאר א יאהרען, אויף דער קאנווענשאן פון דער אמעריקאן פעדערריישאן אוו לייבאר, איז אנגענומען געווארען א רעזאלוציע, דורך וועלכער די אמעריקאנער ארגאניזירטע ארבייטער האבען זיך געשטעלט אין ליין מיט די ארגאניזירטע ארבייטער פון די אנדערע לענדער, און איצטער רופט די פעדערריישאן אלע ארגאניזאציעס וואס זיינען אונטער איהר רשות, צו אפהיטען דעם „גאלדען רול סאנדעי", דעם קומענדען 7טען דעצעמבער. אלע ארגאניזירטע ארבייטער פון אמעריקא ווערען אויפגעפאדערט יענעם זונטאג צו עסען די איינפאכסטע, ארימע שפייזען; זיי ווערען אויפגעפאדערט יענעם טאג צו עסען ניט קיין בעסערע אדער טייערע שפייזען פון די וואס עס עסען די ארימע מלחמה־קינדער אין נאהענטען מזרח, און דאס געלט וואס יעדער ארבייטער און זיין פאמיליע וועט שפארען פון יענעם טאג עסען, זאל איבערגעגעבען ווערען צום פאנד וואס די פעדערריישאן קלייבט פאר יענע ארימע קינדער. די ארבייטער ווערען אויפגעפאדערט דאס געלט איבערצוגעבען אין זייער לאקאל יוניאן, אדער צו זייער אינטערנעשאנאל, וועלכע וועלען עס אריבערשיקען צו דער אמעריקאן פעדערריישאן אוו לייבאר, אין וואשינגטאן, און פון דארטען וועט עס איבערגעשיקט ווערען צו די טראסטיעס פון דעם אינטערנאציאנאלען נויט פאנד, וואס ווערט געקליבען פון די ארבייטער יוניאנס איבער דער וועלט.

די אמעריקאן פעדערריישאן אוו לייבאר פיהרט איצט אן א שריפטליכען קאמפיין, דאס דער „גאלדען רול סאנדעי" זאל פינקטליך אפגעהיט ווערען, און זי האט אויסגעשיקט בריף מיט א ליפלעט, וואס ערקלעהרט די גאנצע אנגעלעגענהייט, צו אלע ארגאניזאציעס וואס זיינען צו איהר אנגעשלאסען. באזונדערס ווערען געבעטען די אינטערנעישאנאלס, דאס זיי זאלען ארויסשיקען אפילו צו אלע זייערע לאקאל יוניאנס; זיי זאלען העלפען מיט אלץ וואס זיי קאנען, אז דער „גאלדען רול סאנדעי", דער צדקה טאג פאר די אומגליקליכע יתומים פון נאהענטען מזרח, זאל ערפאלגרייך דורכגעפיהרט ווערען.

אונזער אינטערנעישאנאל, וועלכע האט שוין ניט איין מאל זיך באטייליגט אין „דרייווס" פאר נאבעלע צוועקען, האט אויפגענומען דעם אפיל פון דער פעדערריישאן, און סעקרעטאר בארא האט ארויסגעשיקט א אפיציעלען בריף צו אלע לאקאלס פון אונזער אינטערנעישאנאל, אין וועלכען זיי ווערען אויפגעפאדערט זיך צו באטייליגען און זעהן קלייבען וואס מעהר געלט פאר דעם צוועק.

עס איז צו האפען, דאס אונזערע לאקאל־באאמטע וועלען פאפולער מאכען די זאך פאר דער מעמבערשיפ פון אונזער ארגאניזאציע, און דאס די מיטגלידער אונזערע וועלען ניט פארפעלען זיך צו באטייליגען אין דעם „גאלדען רול סאנדעי", גלייך מיט אלע אנדערע ארגאניזירטע ארבייטער פון אייראפא און אמעריקא. עס איז ווירקליך א שעהנע אידעע, דאס כאטש איין טאג אין יאהר זאלען אלע זיך שפייזען מיט די ארימסטע עסענס און די אפגעשפארטע געלט אפגעבען פאר אזא נאבעלען צוועק.

GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Weekly

Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.

MORRIS SIGMAN, President — S. YANOFSKY, Editor
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — H. A. SCHOOLMAN, Business Manager

Subscription price paid in advance: $1.00 per year.

Vol. VI. No. 47. New York, Friday, Nov. 21, 1924.

Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Post Office at New York, N. Y. under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

טעטיגקייטען אין דער קלאוק פינישערס יוניאן לאקאל 9

פון ל. היימאן.

דער סיזאן איז שוין צו ענדע או, ווידער קומט דער סלעק. און ווי גע־וויינטליך באנוצען זיך די בעלי בתים מיט דער סלעק ארונטערצודריקען די קאנדיציאנען, וועלכע זיינען אזוי אויך שלעכט גענוג. פילע גרעסערע שעפער גיבען זיך אויף, זיי געהען כלומר'שט ארויס פון ביזנעס. נאר מיר ווייסען וואס עס מיינט ארויסגעהן פון די ביז־נעס. עס מיינט, אז זיי גיבען אויף די אינסייד שעפער און וועלען פראדוצירע אויטסייד אין קליינע שעפער וואו אר־בייט, איז ביליגער, ווייל מען קען דארט לייכטער פארלעצען יוניאן סטאנדארדס

ריארגאניזיישאנס וועט אונז אוין ניט פעהלען דעם סלעק סיזאן. פילע באסעס האבען אונז שוין מודיע געווע־ אז זיי ווילען ריארגאניזירען זייערע שע־פער. אלע מאל ווען מען פלעגט מאכען א ריארגאניזיישאן, פלעגט מען פאר־קלענערען די צאהל פון אפערייטארס פרעסערס און פינישערס ; די איצטיגע ריארגאניזיישאנס, וועלכע מאנכע פיר־מעס פארלאנגען, זיינען בלויז אונז נוגע – זיי ווילען פארקלענערען די צאהל פינישערס, ווייל פאר'ן ספרינג סיזאן דארפען זיי ניט אזוי פיל פינישערס ווי פאר'ן ווינטער סעזאן, איז זייער טענה. נאטירליך, וועלען מיר טאן אלעס מעג־ליכעס ניט צו דערלאזען דיזע ריארגאני־זיישאנס, וועלכע זיינען אפילו פון שטאנדפונקט פון באס ניט נויטיג. דער סיזאן האט זיך נאך ניט אנגעהויבען, און לויט נאך די סעמפעלס וועלכע ווע־רען איצט געמאכט, דענקען מיר אז די פינישערס וועלען האבען גענוג ארבייט מיט, וואס פאר א בארעכטיגונג האבען זיי איצט צו מאכען ריארגאניזיישאנס ?

⁂

נאך יעצטען סיזאן האבען די אר־בייטסלאזע געפאדערט אז מען זאל זיי צאהלען ארבייטסלאזען בענעפיט, האט מען דאך געשריבען, גערעדט, וועגען אן ארבייטסלאזען פאנד, און מען נעמט דאך ארונטער פון די וויידזשעס פאר די ארבייטסלאזע. — דעם סלעק זיינען פילע מיט דער מיינונג אז מען וועט זי־כער צאהלען ארבייטסלאזען בענעפיט. און צעהנדליגע האבען זיך צו אונז גע־מעלדען, זיי ווילען זיך רעדזשיסטרירען און מיר האבען גארניט קיין לייכטען דזשאב זיי צו ערקלעהרען, ווארום מען האט ביז איצט נאך ניט אנגעפאנגען צו צאהלען בענעפיט

די איינפיהרונג פון ארבייטסלאזען בענעפיט איז ניט קיין נייע ערשיינונג. אונזער אינשורענס פאנד איז אנדערש בלויז דערמיט, וואס ביי אונז צאהלען אויך די באסעס צום פאנד, ווערענד אין אנדערע יוניאנס צאהלען בלויז די ארבייטער. די אמאלגאמייטעד איז גע־ווען די ערשטע יוניאן אין אמעריקא וועלכע האט איינגעפיהרט אן אינשו־רענס פאנד, וועלכע ווערט אויסגעהאל־טען פון די בעלי בתים צוזאמען מיט די ארבייטער. אין איינקלאנג האט די רע־גירונג איינגעפיהרט אן אינשורענס גע־זעץ, דאך זיינען די ארבייטער נאך ניט גענוג שטארק פאליטיש, אז די געזעץ־געבער זאלען זיך מוזען רעכענען מיט די נויטען פון די ארבייטער, און די אר־בייטער זיינען געצוואונגען אליין צו לע־זען די ארבייטסלאזען פראבלעם.

דער איבעל פון ארבייטסלאזיגקייט קען ניט אפגעשאפט ווערען דורך אר־בייטסלאזען אינשורענס. אלץ וואס אינ־שורענס קען טאן, איז עפעס לינדערען די ליידען פון די ארבייטסלאזע, געבען זיי עפעס די נשמה צו דערהאלטען.

די מייסטע יוניאנס, וועלכע צאהלען ארבייטסלאזען אינשורענס צאהלען בלויז 7-6 וואכען א סיזאן און נים מעהר ווי 12 אדער 15 וואכען א יאהר. ווען אן ארבייטער איז אהן א דזשאב א לאנגע צייט, איז איהם זעהר ביטער. איינפיה־רען אזא אינשורענס סיסטעם, אז דער ארבייטער זאל קריגען בענעפיט כל זמן ער האט קיין דזשאב ניט, קען נאר די רעגירונג, און קולידזשעס 'רעפובליקאני־שע „גענג" וועלען אזא זאך נים טאן. ביז די ארבייטער וועלען ווערען קלוג גענוג, צו ווערען די אמת'ע בעלי בתים

וויפיל זיינען ווערט אייערע פיס ?

ווייסט איהר, דאס דער יוניאן העלטה סענטער, 131 א. 17טע סט., האט א ספע־ציאליסט א דאקטאר אויף פיס־קראנקהיי־טען ?

איהר קענט איהם זעהן יעדען דינס־טאג און דאנערשטאג, פון 5 ביז 6-30 אבענדס. בלויז איין דאלאר ווערט גערע־כענט צו מעמבערס פון אנגעשלאסענע לא־קאלס.

פון לאנד, און גרינדען א רעגירונג פון [illegible] און פאר ארבייטער, איז דער־ווייל א גרויסע הילפע אין דער צייט פון סלעק, ווען ס'איז ניטא אין הויז קיין ביצעל ברויט, אז מען קריגט 12-10 דאל־לאר א וואך, ווען עס איז אפילו פאר ניט מעהר ווי 12 וואכען אין יאהר.

אויב אונזערע מעמבערס האבען ער־ווארטעט מעהר פון דעם אינשורענס פאנד, האבען מיר מורא, אז זיי וועלען זיין „דיסאפוינטעד". מען קאן ניט אויסצאהלען מעהר, וויפיל מען צאהלט איין ; און פון די פראצענטען, וואס די ארבייטער מיט די באלעבאטים צאהלען, וועט זיכער ניט קלעקען צו געבען מעהר און גרעסערע בענעפיטס. דאס איז אלעס וואס מיר קענען פארהויפיג טאן פאר אונזערע מעמבערס, דאס איז אלעס וואס אנדערע יוניאנס האבען באוויזען צו טאן.

מיר קענען נאך איצט ניט אנפאנגען צו צאהלען, ווייל איידער מען פאנגט אן צו צאהלען, מוז מען אפריהער אנ־קלייבען א גענוגענדע סומע, אז מען זאל ניט צוקורץ קומען אין געלט, און זיין גע־צוואונגען צוצומאכען דעם פאנד. ווי שטארק מיר וואלטען געוואלט העלפען אונזערע מעמבערס איצט, ווייסען מיר אבער אז אנפאנגען איצט צו צאהלען וואלט געווען זעהר ניט פראקטיש, ווייל די סומע וועלכע דער אינשורענס פאנד האט ביז איצט קאלעקטעד, איז ניט גע־נוג צו פארזיכערען אז אלע וועלכע זיי־נען בארעכטיגט צו בענעפיט זאלען עס קריגען. מיר ווייסען, צום ביישפיל, אז די אמאלגאמייטעד האט קאלעקטעט א יאהר צייט איידער מען האט אנגעפאנ־גען צו צאהלען. נעמענדיג אין אנבא־טראכט, אז ביי אונז איז די ארבייטס־לאזיגקייט זעהר גרויס, באדארף מען אמווענינגסטען האבען די קאלעקשאנס פון צוויי סיזאנס, איידער מען פאנגט אן צו צאהלען. נאטירליך וועלען מיר טרייען אונזער בעסט, אז דער פאנד זאל אויסגענוצט ווערען אין די אינטערעסען פון די נויטבאדערפטיגע, און די וועלכע זיינען בארעכטיגט זאלען עס אהן שוועריגקייטען קריגען.

⁂

אין אונזער לעצטער וואכעדיגער אד־ווערטייזמענט, וועגען דעם קאנצערט האט זיך אריינגעכאפט א גרייז — פון „סטייוועסענט הייסקול" האט דער זעצ־צער געמאכט „סטייוועסענט קאסינא". דעם זעצער האט זיך מסתמא ניט גע־גלויבט, אז די פינישערס וועלען גאר איינמיטען דערינען האבען א קאנצערט אין סטייוועסענט היי סקול. אלזא פאר־געסט ניט צו באווארענען זיך מיט א טי־קעט, ווייל עס וועט אייך זיכער באנג טאן ווען איהר וועט ניט אנוועזענד זיין ביים קאנצערט. די וועלכע האבען ביי־געוואוינט אונזערע קאנצערטען, ווייסען, אז ביי אונזערע א קאנצערט, האט מען אן אמת'ען גייסטיגען גענוס. דעם פריי־טאג וועט אונזער קאנצערט זיין נאך בעסער ווי אימער.

די פאלגענדע ארטיסטען וועלען זיך באטייליגען :

דער בארימטער פידעל שפילער מישעל פיאסטרא, וו. לוצקי, דער באר־האוסטער פאעט און אימפראוויזאטאר און מיס אנעטע ראזיק, א סאפראנא, וועלכע איז אן אפערע סטאר.

דער קאנצערט איז ארראנזשירט גע־ווארען צו פייערען די ערעפנונג פון אונזער עדיוקיישאנאל טעטיגקייט פון דעם ווינטער.

די קאמיטע איבער עדיוקיישאן האט אויסגעארבייט א פראגראם פון טעטיג־קייט פאר דיזען ווינטער, וועלכע וועט זיין פון גרויס נוצען פאר די שוועסטער און ברידער. מאקס לעווין וועט דעם סיזאן אנפיהרען א קלאס אלע שבת ביי טאג אין אונזער אפיס, 69 לעקסינג־טאן עוועניו. מיר וועלען אויך פאר גע־וויסע שבתים קריגען אנדערע לעקטשו־רערס. דערווייל האבען מיר שוין גע־קראגען גענ. ראגאפ'ן, וועלכער וועט גע־בען א סעריע פון עטליכע לעקטשורס. מיר פלאנעווען אויך איינצופיהרען א קלאס צו לערנען ענגליש, שרייבען און לעזען, אויב מיר וועלען האבען א גענו־גענדע צאהל מעמבערס, וועלכע וועלען זיין וויליג צו אטענדען, און מיר זעהען נים איין, ווארום מיר זאלען נים האבען קיין בעלנים ? אזוי פיל יונגע מענער און פרויען האבען מיר, וועלכע קענען אפילו זייערע נעמען נים סיינען, ווא־רום זאלען זיי ניט וועלען קומען אמ־ווענינגסטענס איין מאל א וואך זיך לער־נען ? מיר האבען גוטע לעהרער, אלעס פריי.

אין אונזער אייגענעם בילדינג קע־נען מיר באנוצען עטליכע רומס פאר קלאסען און מיר האפען, אז פילע מעמ־בערס וועלען אויסנוצען די געלעגענ־הייט. דעם בילדינג האבען מיר געבויט ניט בלויז פאר אן אפיס, נאר מיר ווילען אז די מעמבערס זאלען האבען וואס מעהר נוצען, און זאלען זיך פיהלען ווי ביי זיך אין דער היים. א חוץ לעק־טשורס, און קלאסען, פלאנעווען מיר איינצופיהרען א לעזע צימער, וואו מען וועט קענען קריגען וועכענטליכע און מאנאטליכע, אידישע און ענגלישע צייט־טונגען און זשורנאלען און אויך בי־כער. נאטירליך וועט עס נעמען א ביס־סעל צייט, ביז מיר וועלען זיך איינשא־פען א קאלעקציע פון גוטע ביכער, אבער אלץ ווענדעט זיך אן אייך, אויב איהר וועט קומען און לעזען, וועלען מיר ניט זשאלעווען קיין געלט, און קיין מיה צו קריגען פאר אייך די צייטונגען און זשורנאלען וועלכע איהר וועט פארלאנגען. מאנכע וועלען דענקען, אז א יוניאן דארף זיך גאר נים אפגעבען מיט אזעל־כע זאכען ווי בילדונג, אבער דאס איז א גרויסער טעות. א יוניאן קאן נאר זיין דאן שטארק, ווען איהרע מעמבערס זיינען אינטעליגענט, און קלאסען בא־וואוסט. וויפיל פראבלעמען וואלטען מיר געקענט לעזען, און וויפיל איבלען, פון וועלכע מיר ליידען, וואלטען מיר געקאנט אפשאפען, ווען אונזערע מעמ־בערס וואלטען געווען אינטעליגענטער און מעהר קלאסען באוואוסט !

מר. רויכערער, איהר וועט אויך זאגען אזוי!

„איך קען ניט בעגרייפען אזעלכע סיגארעטס וואס זאלען מיר געבען מעהר ווערטה פאר מיין געלד ווי העלמארס. יעדען מאל ווען איך קויף א באקס ווייס איך אז איך קריעג דעם פולען ווערטה פאר יעדען סענט וואס איך בע־צאהל פאר דעם און דאס אלעס וואס עמיצער קען ערווארטען".

העלמארס ווערען געמאכט פון עכטע טער־קישע טאבאק און גיבען אייך קוואליטעט און פארגעניגען. געווענליכע סיגארעטס גיבען אייך בלויז קוואנטיטעט און מעהר גארנישט.

העלמארס זיינען עכט אמת און ווערען גע־פאקט אין קארדאן באקסעס צו פארהיטען זיי פון ווערען צובראכען.

אזוי ווי אנדערע, וועט איהר הנאה האבען פון ענדערן צו טערקישע.

מאנופעקטשורערס פון דער העכס־טער גראד טערקישע און עגיפטישע סיגארעטען אין דער וועלט.

BOXES of 10 or 20

דזשאדזש האלט אפ ענטשיידונג וועגען לאקאל 17 אינדזשאנקשאן

(שלוס פון זייט 1)

און מאריס הילקוויט פאר דער פארטיידיגונג. און האט אויך באטראכט דעם גרויסען עולם אין קאורט זאל, האט ער גלייך געוואלט פארשיבען די קייס פאר אנאנדעריש מאל. „ווי איך פארשטעה", — האט ער געזאגט, נאך איידער די לאיערס האבען געעפענט א מויל — „האט איהר פאר מיר פארציבריינגען אן אויסערגעוועהנליכע קייס און א שטענדיגע פאר מיטאג-צייט איז נישט די ריכטיגע צייט פאר א פארהער".

ביידע לאיערס האבען אבער געוואלט די קייס זאל זיך גלייך אנפאנגען און זיי האבען איינגעשטימט דאס יעדער פון זיי זאל רעדען בלויז 15 מינוטען, איינצולייטען די קייס און אויב מען וועט דארפען, זאל די הירינג פארטגעזעצט ווערען נאך מיטאג. דער ריכטער האט צוגעשטימט און דער פארהער האט זיך אנגעפאנגען.

דער ערשטער האט גערעדט לאיער סיבורי, פאר דער אנקלאגע. ער האט אויסגעשטעלט זיין קייס פון א טרוקענעם געזעץ-שטאנדפונקט, — ניט ווי עס האנדעלט זיך דא פון צוויי טיילען פון איין ארגאניזאציע, נאר ווי עס וואלט זיך געהאנדעלט וועגען צוויי באזונדערע ביזנעס-קארפאריישאנס וואס איינע זוכט ביי דער אנדערע עפעס אויפצוכאפען.

ער האט דערצעהלט דעם דזשאדזש, אז לאקאל 17 עקזיסטירט שוין 20 יאהר, אז ער איז אימער געווען געטריי צו דער אינטערנעשאנאל, און איז ניט אנגעקלאגט געווארען אין קיין פארברעכען, און דאך האט די אינטערנעשאנאל ביי איהם אוועקגענומען דעם טשארטער און געגרינדעט אויף זיין ארט א צווייטען לאקאל נומער 2. דורך אט דער האנדלונג, זאגט ער, פון דער אינטערנעשאנאל, זיינען איבער דריי טויזענד ארבייטער געבליבען שוצלאז און ברויטלאז. די אינטערנעשאנאל האט געארדערט זייער יוניאן, לאקאל 17, זאל אפגעבען די ביכער מיט זיין פארמעגען צו דעם נייעם לאקאל 2, וואס דאס מיינט, אז די ריפער מאכער זאלען בלייבען אהן ביכער און אהן געלט.

ביי דעם פונקט האט ריכטער גאוועגאן אפגעשטעלט דעם לאיער. ווען ער האט דערהערט, אז עס איז אויך דא געלט אין דער געשיכטע, האט ער א פרעג געטאן: „ווי גרויס איז דאס אייגענטום פון דעם לאקאל 17?"

סיבורי האט געענטפערט, אז גענוי ווייס ער ניט, אבער עס האנדעלט זיך וועגען טויזענטער דאלארס.

מען האט געזעהן, אז ריכטער גאוועגאן האט אביסעל ליכטער אפגעאטעמט, ווארום פריהער, ווען סיבורי האט אזוי ברייט גערעדט וועגען דעם לאקאל 17 פארמעגען, האט ער מסתמה געמיינט, אז די „ריפער מאכער" האבען עטליכע מיליאן אין דער טרעזשורי און מען הייסט זיי זאלען עס איבערגעבען צו עפעס א נייעם לאקאל 2...

לאיער סיבורי האט אבער און ווידער שטארק באטאנט, אז די מיטגלידער פון לאקאל 17 זיינען געבליבען שוצלאז, און עס איז אויסגעקומען, דאס די אינטערנעשאנאל האט געמאכט די אפעראציע, כדי די מיטגלידער פון לאקאל 2 זאלען פארנעמען די ארבייטס-פלעצער פון די מיטגלידער פון לאקאל 17. עס איז דעריבער ניט מעהר ווי יושר'דיג דאס דער אינדזשאנקשאן זאל בלייבען אין קראפט, צו באשיצען די פרנסה פון די ריפערמאכער...

נאך איהם האט גערעדט מאריס הילקוויט, דער לאיער פאר אונזער אינטערנעשאנאל. ער האט גערעדט קלאהר, דייטליך און צום פונקט. ער האט ווירקליך פאנאנדערגעוויקעלט פאר ריכטער גאוועגאן די אמת'ע סיטואציע. ער האט ערקלערט ווי אזוי די אינטערנעשאנאל איז צוזאמענגעשטעלט, און וואס עס האט געפיהרט צו דעם, אז די אינטערנעשאנאל זאל פאראייניגען די לאקאלס 1, 11 און 17 אין איין אפערייטארס ארגאניזאציאן. הילקוויט'ס ערקלערונג איז געווען אן ענטפער צו סיבורי און דער ענטפער האט ארויסגעבראכט פאלגענדע פונקטען:

אז די אינטערנעשאנאל איז איין ארגאניזאציאן, און קען פאראייניגען און טראנספערירען און איבערשטעלען און פאנאנדערשטעלען איהרע מעמבערס ווי זי געפינט אם פאסענדסטען;

אז די מעמבערס פון לאקאל 17, ווען זיי ווערען טראנספערירט אין דעם נייעם לאקאל 2, פארלירען ניט קיין שום רעכטע און קיין שום פריווילעגיע אלס מעמבערס פון דער אינטערנעשאנאל. זיי פארלירען איבערהויפט נישט, אויך ניט אפילו זייער אייגענטום, וואס זיי האבען אין לאקאל 17 ווייל דאס זעלבע אייגענטום וועלען זיי האבען אין דעם נייעם פאראייניגטען לאקאל.

דעריבער האט ער אנגעוויזען, דאס דער אייגענטום פון לאקאל 17 איז איבערהויפט גאנץ קליין. דאס דער לאקאל האט אפשר מעהר חובות ווי פיל אייגענטום. דאס די לאקאלס 1 און 11, מיט וועלכע ער דארף זיך פאראייניגען, האבען א סך מעהר אייגענטום, און דאס ווערענדיג מיטגלידער פון דעם נייעם, פאראייניגטען לאקאל 2 ווערען די מיטגלידער פון לאקאל 17 זיין רייכער ווי זיי זיינען עס איצט.

הילקוויט האט אויך ערקלערט, אז דער אויסשליסליכער ריפער טרייד, פאר וועלכען לאק. 17 איז געווען ארגאניזירט, איז איצט כמעט מעהר ניטא אין ניו יארק, און די טריידס האבען זיך אזוי ענטוויקעלט, אז די לאק. 17 מעמבערס האבען שוין לאנג צוריק געדארפט געהערען צו דעם פריהערדיגען לאקאל 1, וואס איז שוין איצט א טייל פונ'ם נייעם לאקאל 2.

הילקוויט האט אזוי אויך ערקלערט פארוואס לאקאל 11 איז איינגעלעזט געווארען. ער האט אנגעוויזען, אז אין די זעלבע שעפער, ביי די זעלבע מאשינען האבען געארבייט מעמבערס פון די לאקאלס 1, 11 און 17, און די אינטערנעשאנאל האט געהאט דורך דעם אלערליי צרות, געמענגעניש און אנבאטראכט, אז אלע ארבייטען דארט אונטער איין אגרימענט מיט די בעל-הבתים, וואס ווערט קאנטראלירט פון איין דזשאינט באארד פון אלע לאקאלס. די אינטערנעשאנאל האט זיך אלזא באנוצט מיט איהר רעכט צו קענען האלטען ארדנונג אין איהרע רייהען ווי זי געפינט פאר נויטיג און האט דערפאר באשלאסען צו האבען איין לאקאל פון אפערייטארס, ווי עס איז דא איין לאקאל פון קאטערס, פרעסערס, א. א. וו.

ווען הילקוויט האט געענדיגט, האט ריכטער גאוועגאן א פרעג געטאן: „פארוואס וויל ניט לאקאל 17 זיך פאראייניגען מיט די אנדערע לאקאלס?"

ריכטער גאוועגאן האט א ווייל זיך פארטראכט, און גלייך ארויסגעזאגט די פאר ווערטער:

„איך פיהל, אז אן ענטשיידונג פון קאורט אין דיזען מאמענט וואלט ארויסגערופען ביטערקייט ביי דעם צד געגען וועלכען די ענטשיידונג וועט זיין, און איך וואלט עס געוואלט אויסמיידען. איך שלאג פאר, ביידע צדדים זאלען פראבירען זיך אויסגלייכען צווישען זיך איידער איך וועל ארויסגעבען אן ענטשיידונג".

דער ריכטער האט גלייך געשלאסען די זיצונג, הייסענדיג ביידע לאיערס איבערגעבען די פאפירען פון דער קייס צום קלוירק, וועט ער עס שפעטער איבערקוקען, איידער ער וועט ארויסגעבען אן ענטשיידונג וועגען דעם אינדזשאנקשאן. דאס מיינט, אז דערווייל איז דער פארלויפיגער אינדזשאנקשאן ווייטער פארבליבען אין קראפט.

עס בלייבט, אלזא אפצווארטען און זעהן, ווי די זאך וועט זיך ווייטער אנטוויקלען.

איינס אבער איז זיכער; אויף די אלע מיטגלידער פון די אינטערנעשאנאל לאקאלס וואס האבען אנגעפיהלט די קאורט רום מיט די אלע קארידארען פון דער בילדינג, האט די געשיכטע געמאכט א שוידערליכען איינדרוק! זיי האבען געקוקט מיט פארכטונג אויף די פאר באאמטע פון לאקאל 17 וואס זיינען געקומען אין קאורט און מען האט אויסגעמידען צו שטעהן נאהענט פון זיי און עס איז אסור געווען וואס מקנא צו זיין די לאקאל 17 לייטע, כאטש זייער ממשלה האלט זיך נאך ווייטער אויפ'ן כח פון אינדזשאנקשאן. זיי האבען אויסגעזעהן חשך און האבען קיינעם נישט געקאנט קוקען אין פנים אריין. זיי האבען ארויסגערופען פאראכטונג, אבער אויך באדויערונג! מען איז דאך פארט געווען צוזאמען מיט זיי פאר אזא לאנגע צייט אין דיזעלבע רייהען!

ערקלערונג פון דריי עקזעקוטיוו באארד מעמבערס פון לאקאל 17

מיר האבען באקומען אן ערקלערונג פון דריי עקזעקוטיוו מיטגלידער פון לאקאל 17, וואס ווארפען צוריק די האנדלונג פון די באאמטע פון דעם לאקאל, אין באצוג צו דעם אינדזשאנקשאן געגען אונזער אינטערנעשאנאל און דעם דזשאינט באארד.

די ערקלערונג לעזט זיך ווי פאלגט:

„מיר, די אונטערגעשריבענע מיטגלידער פון דעם עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 17, ערקלערען, אז מיר ציהען זיך צוריק פון דעם עקזעקוטיוו באארד, און מיר נעמען אראפ פון זיך יעדע פאראנטווארטליכקייט פאר די איצטיגע און ווייטערדיגע האנדלונגען פון עקזעקוטיוו באארד.

„מיר ווילען דערביי ערקלערען דאס פאלגענדע:

„מיר זיינען ביז יעצט געשטאנען מיט דעם לאקאל, ווייל זיינע אפיציעלע באשליסע אין שייכות צו דער פאראייניגונג פון די דריי לאקאלס פון קלאוק אפערייטארס, ניט קוקענדיג אויף דעם וואס מיר זיינען אין פרינציפ פאר דער אמאלגאמירונג פון די לאקאלס. מיר זיינען געשטאנען געגען דעם, ווייל מיר גלויבען, אז די מאטיוען, וואס האבען גראד אין איצטיגען מאמענט ארויסגערופען די פראגע און אויך דער אופן, ווי דער באשלוס פאר אמאלגאמיישאן ווערט דורכגעפיהרט, קאן דער יוניאן קיין געזונט ניט צוגעבען. מיר האבען געהאלטען, אז כל זמן אין אונזער לאקאל איז פאראן א פאר'עקשנ'טע געגנערשאפט, דארף די דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד אנווענדען אלע מיטלען מיטען די ראזיגע געגנערשאפט פריהער אפצושטעלען. מיר זעהען אבער איצט איין, אז די הויפט פיהרער פון אונזער לאקאל געהען אזוי ווייט מיט זייערע האנדלונגען געגען דער פאראייניגונג, אז דאס אליין קאן שעדיגען אונזער יוניאן פיל מעהר ווי די דורכפיהרונג פון דער פאראייניגונג. ספעציעל דער פאל, וואס מען האט ארויסגענומען אן אינדזשאנקשאן געגען דער פאראייניגונג, איז אזא שענדליכער און שעדליכער אקט, וועלכען מיר קאנען ניט דולדען. מיר גלויבען, אז וועלכע מיטלען פון אינערליכען קאמף אין אן ארבייטער ארגאניזאציע טארען ניט געדולדעט ווערען פון קיין ערליכען ארבייטער. אין וועלכע האנדלונגען קאנען מיר זיך ניט טיילען מיט קיין פאראנטווארטליכקייט. מיר גלויבען, אז מיט וועלכע מעטאדען וועט מען אונזער לאקאל ווייט ניט דערפיהרען. דערום ציהען מיר זיך צוריק פונ'ם עקזעקוטיוו באארד, און מיר וועלען ניט האבען קיין פארבינדונג מיט קיינע האנדלונגען, וואס ווערען באגאנגען אין נאמען פון אונזער לאקאל.

„מיר האפען, אז די מיטגלידער פון לאקאל 17, וועלכע האבען אונז ערוועהלט, וועלען פארשטעהן די מאטיוען, צוליב וועלכע מיר ציהען זיך צוריק יעצט פון אונזערע ערטער.

„מיר האפען, אז די מיטגלידער וועלען אויך ריכטיג אפשאצען די ערנסטקייט פון אונזער אקט.

„מיט אכטונג,
א. ווייסבלאט,
אינידזשאר מאסקאוויטש
בעני מאך."

אינטערנעשאנאל ארבייטער אוניווערזיטעט

וואשינגטאן אירווינג היי-סקול.

אירווינג פלייס און 16טע סטריט, ניו יארק.

שבת, 1.30, דעם 22טען נאוועמבער. — „ליטערארע שטימען אין דער אמעריקאנער ליטעראטור" — ב. י. סטאלפער. די וואס וועלען זיך באטייליגען אין דעם קורס וועלען באקומען א קלארען באגריף פון דער ענגליש-אמעריקאנער ליטעראטור.

שבת, 2.30 — „טרייד יוניאן פראבלעמען". פאול בריסענדען. אין דעם קורס וועלען באהאנדעלט ווערען די פראבלעמען און פאליסיס פון דעם מאדערנעם טרייד-יוניאניזם.

זונטאג, 10.30, דעם 23טען נאוועמבער. — „דער פונדאמענט פון דער מאדערנער ציוויליזאציע" — ה. א. אווערסטריט. אין דעם קורס וועלען דיסקוטירט ווערען די פונדאמענטאלע כוחות, באוואוסטע און אומבאוואוסטע, וואס שטעהען הינטער דער אנטוויקלונג פון אונזער ציוויליזאציע.

זונטאג, 11.30 — „די אינדוסטריעלע אנטוויקלונג פון דער מאדערנער געזעלשאפט". — ה. י. קארמאן. דאס וועט זיין א שטודיום פון דער אנטוויקלונג פון דעם אינדוסטריעלען לעבען אין אמעריקא און אייראפא.

קורסען אין די אינטערנעשאנאל בילדינג.

3 וועסט 16טע סטריט, ניו יארק.

מיטוואך אווענט, 6.30, דעם 26טען נאוועמבער. — „פסיכאלאגיע אין די ארבייטער-באוועגונג". — אלעקסאנדער פישהאנדלער.

אין דעם קורס וועלען באטראכט ווערען די פונדאמענטאלע שטריכען אין מענשליכען כאראקטער, וואס מאכען די מענשען האנדלען אזוי און ניט אנדערש. עס וועלען אנגעוויזען ווערען אינטערעסאנטע ביישפילען פון די פאסירונגען אין טעגליכען לעבען, אין שאפ, אין דערהיים און אין געזעלשאפט.

דאנערשטאג אווענט, 6.30, דעם 4טען דעצעמבער. — „עקאנאמיקס אין די ארבייטער-באוועגונג". — סילוויא קאפאלד.

אין דעם קורס וועט באטראכט ווערען ווי אזוי די הייטיגע אינדוסטריע איז ארגאניזירט, ווי זי איז צונויפגעשטעלט און ווי איהר מעכאניזם ארבייט. אויך ווי די אינדוסטריע ווערט איצט געמענעדזשט.

די אינטערנעשאנאל יוניטי סענטערס

בראנקס יוניטי סענטער.

פאבליק סקול 61 — קראטאנא פארק איסט און שארלאט סטריט, בראנקס.

דינסטאג אווענט, 8.45 — עקאנאמיקס און די ארבייטער-באוועגונג.

אין דעם קורס וועט באטראכט ווערען דער צוועק פון דער מאדערנער אינדוסטריע, ווי זי איז ארגאניזירט, ווי זי ווערט געמענעדזשט, וועלכע רעזולטאטען עס ברייינגט און אזוי ווייטער.

איסט סייד יוניטי סענטער.

פאבליק סקול 63 — 4טע סטריט, לעבען ערשטע עוועניו, מאנהעטען.

מיטוואך אווענט, 8.45 — „די סאציאלע און עקאנאמישע כוחות אין דער אמעריקאנער געשיכטע. — א. ל. ווילבערט.

אין דעם קורס וועלען באטראכט ווערען די גרויסע אינדוסטריע-קאמבינאציעס, וועלכעס אנטשטעהונג און אנטוויקלונג האבען צוגעגעבען דאס אמעריקאנער לעבען באזונדערע כאראקטעריסטיקס.

הארלעם יוניטי סענטער.

פאבליק סקול 171 — 103טע סטריט, צווישען מעדיסאן און פינפטע עוועניו, מאנהעטען.

מיטוואך אווענט, 8.45 — די טרייד-יוניאן באוועגונג אין די פאראייניגטע שטאאטען. — טערעזא וואלפסאן.

די טרייד-יוניאן באוועגונג וואקסט זייט ביי זייט מיט דער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע. אין דעם קורס וועט באטראכט ווערען זייער וואקסען און אנטוויקלונג.

ענגליש ווערט געלערנט פאר אנפענגער, אינטערמידיאיט און אדוואנסד. רעדזשיסטרירט זיך גלייך.

א קאנצערט פון אינטערנעשאנאל כאר

דער אינטערנעשאנאל כאר וועט געבען א קאנצערט, מיטוואך אווענט, דעם 3טען דעצעמבער, אין דעם פרעמיער טעאטער פון בראנזוויל, סוטער עוועניו און הינסדייל סטריט.

דער צאַהן

פון אנאטאל פראנס.*)

ס'איז געווען א רעגענדיגער טאג. איך האב באקומען א מתנה א גאנצע גארדע-ראבע מיט די מכשירים פון א פאסט-פורמאן: א היטעל, א בייטש, לייצעס און גלעקלאך. גלעקלאך זיינען געווען א סך. איך האב איינגעשפאנט דעם פערד, כ'הייסט — איך האב זיך גופא איינגע-שפאנט, ווייל איך אליין בין געווען אי דער פורמאן, אי דער פערד, אי דער וואַ-גען. מיין מארשרוט האט זיך געצויגען פון דער קיך דורכ'ן קארידאר ביז'ן עס-שטוב אריין. דאס דאזיגע עס-שטוב האט זיך מיר גאנץ לייכט פארגע-שטעלט ווי א קליין דארף; דער דעמ-בענער בופעט-אלמער, וואוהין איך פלעג צופאהרען, איז געווען פאר מיר נישט עפעס אנדערש ווי די אכסניא „דער ווייסער פערד".

וואס איז שייך דעם קארידאר איז דאס געווען דער גרויסער שאסיי-וועג מיט זיינע אויסזיכטען, וואס בייטען זיך נאכ-אנאנד אין וואו מ'טרעפט אן כסדר אויף נייעט פאראויסגעזעענע באגעגענישען און אומדערווארטעטע זאכען. פארשלאָסען אין אזא שמאלען שטח האב איך דאך געהאט פאר זיך צווישען די ענגע ווענט ברייטע האריזאנטען, האב איבערגעלעבט אלץ, וואס מאכט אזוי רייצענד, אזוי אנ-גענעם א ווייטע רייזע.

איך בין געווען א אמת'ער כשוּף-מאכער. צוליב מיין געניוס האב איך מיר ארויסגעבראכט פארשיידענע ליבע באַ-שעפענישען און די נאטור האט מיר גע-מוזט פארשאפען פיל פארגעניגען. גאר ניך האב איך אבער געהאט דעם אומגליק צו פארלירען מיין דאזיגען פרעכטיגען טאלאנט. אבער אין יענעם רעגענדיגען טאג, ווען איך בין געווען א פאסט פור-מאן, האב איך זיך אנגעשפילט בשפע, זיך אנגעזעטיגט מיט תענוג.

דאס דאזיגע שפיל האט מיך גע-דארפט צופרידענשטעלען איבער גענוג. אבער צי איז דען ווען א מענש כסדר צופרידען? א געפיהל פון גאוה האט מיר געזעגבערט: דאס איז ווייניג, דו מוזט נאך האבען צושויער, וועלכע זא-לען באוואונדערען דיין גאנצען פראכט און גלאנץ. מיין סאמעטענע היטעל, מיי-נע גלעקלאך — דאס איז אלץ גארנישט, אויב קיינער ארום זעהט דאס נישט און באוואונדערט דאס נישט. דערהערענדיג ווי מיין פאטער און מוטער שמועסען עפעס אין צווייטען צימער, האב איך זיך אהין אריינגעלאזען מיט גרויס געפילדער און טאראראם.

מיין פאטער האט מיר אנגעקוקט א פאר סעקונדען, נאכדעם האט ער א קוועטש געטאן מיט די פלייצעס און גע-זאגט:

—דאס קינד ווייס נישט וואו זיך אהין צו טאן דא. מ'דארף איהם אפגע-בען אין א פענסיאן.

— ער איז נאך צו קליין, האט גע-ענטפערט די מוטער.

— ס'מאכט נישט אויס — האט זיך אפגערופען דער פאטער — וועט ער זיך געפינען צווישען אזעלכע קליינע ווי ער איז.

איך געדענק גוט בלויז אט די דאזיגע ווערטער; די איבעריגע זיינען מיר שפע-טער ביסלאכווייז ארויס פון זכרון; אויב איך קאן זיי איצט איבערגעבען איז דאס דערפאר, ווייל איך האב זיי נאכדעם גע-הערט איבער'חזר'ען פיל מאל.

מיין פאטער האט צוגעגעבען:

— דאס קינד האט ניט קיין ברודער און שוועסטער, זייענדיג איינזאם, אנטוויקעלט זיך ביי איהם א נייגונג צו פאנ-טאזיעס און חלומות, וואס ס'וועט שפע-טער אין לעבען פאר איהם זיין שעדליך. די איינזאמקייט צוהיצט זיין פאנטאזיע, איך זעה אז שוין איצט איז זיין קאפ פול מיט חלומות. קינדער אין זיין עלטער, ווען זיי באַזוכען שוין א שול, מאכט דאס זיי באַקענען מיט דער וועלט; ער וועט זיך אויסלערנען ביי זיי צו וויסען, ווער דאס זיינען די מענשען; דאס קאן ער זיך נישט אויסלערנען ביי מיר אדער ביי דיר, אויף וועלכע ער קוקט ווי אויף זיי-נע באשיצער און פארהיטער. די חברים, אלס זיינע גלייכע, וועלען איהם מיט-ברענגען מיט זיך אזעלכעס, וואס ער וועט אויף אזא אופן האבען פאר זיך די פראַק-טיק פון סאציאלען לעבען.

— מיין טייערער — האט זיך אפ-גערופען די מוטער — צי האסטו נישט מורא, אז צווישען די קינדער וועלען זיך געפינען שלעכטע?

— אפילו די שלעכטע — האט גע-ענטפערט דער פאטער — וועלען איהם נוצליך זיין, אויב ער איז א פארזינפלטי-נער און קלענער, ווייל ער וועט זיך אויס-לערנען צוליב זיי אונטערצושיידען גוטס פון שלעכטס. און דאס איז זעהר נויטיג צו קענען...

— דו האסט רעכט, מיין טייערער, — האט געענטפערט מיין מוטער. — כ'וועל טאקע מארגען געהן אויסזוכען א גוטען פענסיאן פאר אונזער קינד.

זיצענדיג אין זיין פאטעל נעבען זיין שרייב-טיש, האט דער פאטער אויפמערק-זאם ארומגעקוקט עפעס א מין ביינערנע זאך מיט א שארפען שפיץ פון איין זייט און אינגאנצען צישעדיגט פון דער צווייטער. ער האט עס געקיקעלט צווישען די פינגער; ווארשיינליך האט ער עס אויך אין געדאנק ארומגעקוקט, ווייל איך מיט מיינע גלעקלאך האב שוין נישט עקזיסטירט פאר איהם מעהר.

מיין מוטער איז געזעסען אנגעלענט אן פאטער און איז קענטיג ווייטער געווען פארנומען מיט'ן געדאנק וועגען אוועק-געבען מיך אין א פענסיאן.

דער פאטער האט איהר געוויזען דאס מיאוסע שטיקעל ביין, וואס ער האט גע-האלטען אין האנט און געזאגט:

— אט דאס איז א צאהן פון א מענ-שען וועלכער האט געלעבט אין די מא-מוט-צייט, בעת'ן אייז-פעריאד, געלעבט אמאל-אמאל אין א פינסטערער, אפגע-זונדערטער הייל. וואס איז איצט אויף א הערפט באוואקסען מיט בוימער און דערנער, און לעבען וועלכער שוין יאהרען לאנג שטעהט אט דאס דאזיגע ווייסע-הויז, וואו מיר האבען געוואוינט די צוויי זומער-חדשים אינ'ם יאהר פון אונזער חתונה. ס'זיינען געווען צוויי גליקליכע חדשים. ס'איז געשטאנען אן אלטער קלאוויר, דו האסט א גאנצען טאג גע-שפילט פון מאצארטען, און א דאנק דיר, מיין טייערע, האבען די פראכטפולע טע-נער פון דער גלענצענדער מוזיק זיך פא-נאנדערגעטראגען דורך די פענסטער און באגאסען מיט גייסטרייכען לעבען דעם גאנצען טאל ארום, ווי אמאל פלעגט דער מענש פון די היילען הערען בלויז דעם געבריל פון א טיגער.

מיין מוטער האט אנגעשפארט איהר קאפ אויפ'ן פאטערס פלייצע; דער פא-טער האט ווייטער גערעדט:

— דער דאזיגער מענש האט בלויז געוואוסט פון שרעק און הונגער. ער איז געווען ענליך צו א חיה. זיין שטערען איז געווען שמאל, איינגעפרעסט. די מוסקולען פון זיינע ברעמען פלעגען זיך צונויפקארטשען אין פורכטבארע קנייי-טשען; זיינע ליפען פלעגען מאכען אי-בער'ן פנים גוואלדיגע שפרונגען; זיינע צייהנער האבען ארויסגעשטארצט פון זיין מויל; אט אזוי ווי דער דאזיגער, וואס איך האלט אין האנט, א לאנגער און א שפיציקער.

אט אזוי איז געווען די ערשטע מענשהייט. ביסלאכווייז אבער, דורך לאנגזאמע און גוואלטיגע אנשטרענגונ-גען, זיינען די מענשען געווארען ווענינער ווילד און גרויזאם; זייערע ארגאנען האבען זיך מעהר אויסגעפיינערט א דאנק דער כסדר'דיגער מיזאמער ארבייט; דאס אומאויפהעריכע ארבייטען פון מוח האט אנטוויקעלט דעם מארך, דער שטערען איז געווארען ברייטער און גרעסער. די צייהנער, וועלכע פלעגען פריער כסדר דארפען רייסען באוואקסענע פלייש, זיי-נען געווארען קירצער. דאס מויל קלענער. דער פנים פון מענשען האט באקומען א מעהר איידעלען אויסזעהן, דער שמייכעל האט זיך באוויזען אויף די ליפען פון דער פרוי.

ביי די ווערטער האט דער פאטער א קוש געטאן די ליפען פון דער מוטער, וועלכע האט ליבליך געשמייכעלט.

נאכדעם האט ער הויך אויפגעהייבען דעם צאהן פון אורא'לטען מענשען און אויסגעשריען:

— אלטער מענש, די דאזיגע שיריים פון דער פורכטבארער, אפשטויסענדיגער ווילדקייט, אט דער דאזיגער זכר דיינער מאכט מיר טיף גערירט ביז די טיפסטע טיפעניש פון מיין גאנצען וועזען; מיט גרויס יראת הכבוד קוק איך אויף דיר, איך האב דיך ליב, א, מיין אור-עלטער-זיידע! נעהם צו אין די ווייטסטע אומ-ענדליכע פארגאנגענהייטען, וואו דו ליגסט איצט אין דיין רוה, מיין טיפע און ערפורכטפולע אנערקענונג, ווייל איך ווייס גאנץ גוט, אז איך בין דיר א סך, זעהר א סך שולדיג. איך ווייס, אז דיין אנגעשטרענגטע ארבייט און קאלאסאלע באמיהונגען האבען מיר איינגעשפארט פיל עלענד און נויט. אמת, דו האסט גארנישט געטראכט וועגען דער צוקונפט, א שוואכער שיין פון שכל האט געצאנקט אין דיין פינסטערער נשמה; דו האסט וועגען קיין שום זאך נישט געקאנט טראכטען, חוץ וועגען קריגען וואס צום עסען און וואו דעם קאפ אוועקצולייגען, באהאלטענדיג זיך פון א שטורעם אדער א בייזער חיה. דו ביזט אבער דאך גע-ווען א מענש. א פארבארגענער גייסט האט דיך געשטויסען צו טאן אלץ, וואס איז גוט און שעהן פאר'ן מענשען. דו האסט געפיהרט אן עלענדע עקזיסטענץ. אבער דיין עלענדער לעבען איז נישט גע-ווען אומזיסט, און די שרעקליכע לעבענס אופנים, וואס דו האסט באקומען פון דיי-נע עלטערען, האסטו איבערגעגעבען א ביסעל שוין ווייניגער שרעקליכע, א ביי-סעל שוין פארבעסערטע, פאר דיינע קינ-דער. און די ווידער ווייטער האבען גע-ארבייט און זיך געמאטערט זיי נאכמעהר צו פארבעסערען. אלע האבען צוגעלייגט א האנט אין דער דאזיגער גרויסער אר-בייט: אייניגע האבען אויסגעפונען דעם מילשטיין, די אנדערע — די ראד. אלע זיינען געווען צוזאמענגעבונדען, צוזא-מענגעשלאסען אין די שווערע, פילע אנ-שטרענגונגען, און די דאזיגע ארבייט פון דורי-דורות האט באשאפען יענע ווידער, וואס מאכען איצט אזוי שעהן דאס לע-בען, און יעטוועדעס מאל, ווען זיי האבען אויסגעפונען א ניי ווערקצייג, אדער גע-גרינדעט א ניי אינדוסטריע, האבען זיי שוין דערמיט אליין מיטגעהאלפען צו שאפען גייסטיגע שעהנקייטען און מא-ראלישע ווערדען. מיט'א געהיימניספו-לען שלייער האבען זיי איינגעהילט די פרוי, און די מענער האבען זיי אויסגע-לערנט צו שעצען די שעהנקייט.

דא האט דער פאטער אוועקגעלעגט אויפ'ן שרייב-טיש דעם צאהן פון אור-אלטען מענשען, האט ארומגעארעמט די מוטער און צוגעגעבען:

— מיר זיינען זיי אלץ שולדיג, אט די דאזיגע אורעלטערען אונזערע, אלץ, — אפילו ליבע אויך!

*) א פראגמענט פון זיין ווערק: „מיין פריינד'ס בוך".

עדיוקיישאנאל דעפּאַרטמענט

ערעפענונג פון אונזער עדיוקיישאנאל טעטיגקייט געפייערט דורך א שעהנעם קאָנצערט

דער קאנצערט, צו דער ערעפענונג פון דעם עדיוקיישאנאל סיזאן פון אונ-זער אינטערנעשאנאל, לעצטען פרייטאג אווענט, איז דורכגעפיהרט געווארען מיט גרויס ערפאלג. דער גרויסער אודיטאָ-ריום פון די וואשינגטאן אירווינג היי-סקול איז געווען איבערפילט פון אונזע-רע מיטגלידער און זייערע פאמיליעס. עס זיינען געקומען מעהר מענשען ווי עס איז דא סיטס אין דעם פלאץ און א סך זיינען געשטאנען ביז צום סוף פון קאנצערט. דער עולם איז געווען אנגע-טאן אין יום טוב'דיגע קליינער, און איז אויך געווען יום טוב'דיג געשטימט. דער עולם איז געווען ענטוזיאסטיש און יע-דער נומער פון פראגראם איז אויפגענו-מען געווארען מיט ווארימע אפלאדיס-מענטען. מיט באגייסטערונג איז אויפ-גענומען געווארען דאס שפילען פון דעם באריהמטען פידעל-שפילער, מיטשעל פיאסטרא, און פונקט מיט אזא באַ-גייסטערונג איז אויפגענומען געווארען דער פיינער געזאנג פון אונזערע איינגע-זינגער, פון דעם אינטערנעישאנאל כאר, אונטער דער פיהרערשאפט פון דעם באַ-וואוסטען מוזיקער לעא לעאוו.

מיטשעל פיאסטרא האט דורכגע-פיהרט א קלאסישען פראגראם. ער האט געשפילט זאכען פון רימסקי קארסא-קאף, קרייזלער, גריג און ווינאווסקי.

דער אינטערנעישאנאל כאהר האט געעפענט דעם קאנצערט מיט דעם אינ-טערנאציאנאל, און האט נאכדעם גע-זונגען א רייע ארבייטער און פאלקס-לי-דער, ווי „דער פארים", „דאס האמע-ריל", „דו אקערסט און דו זייסט" און נאך אנדערע, וועלכע דער עולם האט אויפגענומען מיט גרויס באגייסטערונג.

דער טשערמאן פון אווענט איז גע-ווען אלעקסאנדער פיטשהאנדלער, דער דירעקטאר פון דעם אינטערנעישאנאל עדיוקיישאנאל דעפארטמענט. ער האט ערקלערט די באדייטונג פון דעם אווענט און האט אנגעוויזען ווי וויכטיג עס איז די עדיוקיישאנאל טעטיגקייט וואס ווערט אנגעפיהרט פון אונזער יוניאן פאר די מיטגלידער.

א קורצע רעדע איז געהאלטען גע-ווארען פון מיס פאניא קאהן, סעקרע-טערי פון דעם עדיוקיישאנאל דעפארט-מענט. זי האט אויסגעדריקט פיל צו-פרידענהייט, וואס אזא גרויסער עולם איז געקומען פייערען די ערעפענונג פון דעם עדיוקיישאנאל סיזאן און האט אפעלירט צו די אנוועזענדע, זיי זאלען זיך איינשרייבען אין די קלאסען און זיך נעהמען צום לערנען.

עס האבען געזאלט זיין נאך איי-ניגע רעדנער, זיי האבען אבער ניט גע-קאנט קומען און זיי האבען צוגעשיקט טעלעגראמען, באגריסענדיג אונזער אינ-טערנעישאנאל מיט איהר עדיוקיישאנאל טעטיגקייט. אזעלכע טעלעגראמען זיי-נען אנגעקומען און פארגעלעזען געווא-רען פון סעקרעטאר בארא, פון וויס-פרעזידענט י. פיינבערג און מר. הארא-בין, דער באוואוסטער לעקטשורער פון ענגלאנד, וועלכער געפינט זיך איצט אין אמעריקא.

מיט איין ווארט, עס איז געווען אן אנגענעהמער אווענט. נאכ'ן קאנצערט האט א גרויסער טייל פון אנוועזענדען עולם זיך ארומגעלאזען אין דזשימי-נייזיום פון דער סקול, וואו דער עולם האט געטאנצט און זיך געזעלשאפטליך אונטערהאלטען, ביז שפעט אין דער נאכט אריין.

מתקבלת החתימה על

הדואר

שנה רביעית

שבועון עברי יוצא על-ידי

ההסתדרות העברית באמריקה

בעריכת מנחם ריבולוב.

„הדואר" נכנס לשנה חדשה. במשך השנה האחרונה קנה לו „הדואר" מקום מיוחד בחיינו העבריים בזכות שפורו והופעתו הקבועה המדויקת.

על כל העברים החובה לסייע לבסוסו של „הדואר" על-ידי חתימה. על יסוד החותמים מתקיים ומתבצר העתון.

אם חותם אתה, חדש את חתימתך מיד; אם קורא אתה את „הדואר" ועוד לא חתמת עליו — הזדרז וחתום!

ואל תסתפק בחתימתך — דבר על לב חבריך שיחתמו גם הם.

אם כל חותם יכניס עוד חותם אחד, הרי בססנו בסוס גמור את „הדואר".

מחיר החתימה המתחילה בנובמבר:

לשנה — — — $5.00; לחצי שנה — — — $2.50

בקאנאדה:

לשנה — — — $6.00; לחצי שנה — — — $3.00

פרסים חשובים

ניתנים להותמים לשנה ההדשה.

הפרסים:

ספר הבדיחה והחדוד לא. דרויאנוב, מחירו $2.25

יחד עם „הדואר" לשנה, רק — — — 5.75

המלון העברי של גראזובסקי וד. ילין, מחירו 2.50

יחד עם „הדואר" לשנה, רק — — — 5.75

הכתובת:

"HADOAR"

96 Fifth Avenue New York City

ווייסט איהר, אז

בארג אראַרט, אויף וועלכעס שפיץ עס האט זיך אפגעשטעלט, לויט דער ביבעל, נח'ס תבה נאכ'ן מבול, וועט פארוואנדעלט ווערען אין א מאדערנעם רעזארט פאר טוריסטען פון אלע טיילען פון דער וועלט? מען פלאנט אן אייזענבאהן צום שפיץ, וועלכע איז 17 טויזענד פוס אריבער ים-פלעכע. ווייסט איהר, דאס ווען איהר ווילט די פולע ווערטה פון אייער געלד ווען איהר קויפט סיגארעטען, מוזט איהר קויפען העלמאר טערקישע סיגארעטען, ווייל זיי אנטהאלטען 100 פראצענט רייגע טערקישע טאבאק. מיליאנען סמוקערס האבען גע-טשיינדזשט אויף טערקישען טאבאק — עס מוז זיין אן אורזאכע.

נאָז, אויערען און האלז קראנקהייטען

אנפאנגענדיג מיטוואך, דעם 1טען אקטאבער, וועט דער יוניאן העלטה סענטער האבען א ספעציעלע אפטיילונג פאר די, וועלכע ליידען אויף נאז, אויער און האלז קראנקהייטען. וועלכער וועט זיין אפען יעדען מאנטאג און דאנערשטאג פון 5 ביז 6.30 אווענדס, און יעדען שבת, אום 10.30 פארמיטאגס. מעמבערס פון לאקאלס, וועלכע זיינען אנגעשלאסען אן דעם העלטה סענטער, וועלען דארפען צאהלען בלויז איין דאלאר. אפעראציעס אויף טאנסילס, אדענאידס פאר מעמבערס און זייערע פאמיליען וועט מען רעכענען א ספעציעלע רעדוצירטע פרייז.

טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען

א דאנק פון מאלי פרידמאן.

ווערטער רעדאקטאר ש. יאנאווסקי:

ערלויבט מיר אויסצודריקען א דאנק דורך אונזער צייטונג צו די מיטגלידער און באאמטע פון אונזער יוניאן, וועלכע האבען זיך אזוי שעהן אפגערופען צו העלפען אנפיהרען דעם קעמפיין אין דעם 17טען אסעמבלי דיסטריקט, אין הארלעם.

ווען די דעלעגאטען צום עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 22, וועלכע זיינען געשיקט געווארען פון דער יוניאן אלס דעלעגאטען צו דעם „לייבאר פארטי"־קאנפערענץ, האבען מיר געלאזען וויסען, דאס זיי האבען מיר נאמינירט פאר א קאנדידאט צו דער אסעמבלי אויף יענעם טיקעט, האב איך באלד געוואוסט, דאס איך וועל באקומען די הילף פון דער יוניאן. איך האב ערווארטעט, דאס א געוויסע צאהל פון מיינע פערזענליכע פריינד, וואס איך האב זיך ערווארבען דורך מיין אקטיוויטעט אין דער יוניאן, זאלען מיר העלפען אין דעם קעמפיין. איך האב אבער געהאט אן אנגענעהמע איבערראשונג.

איך מוז מודה זיין, דאס דער אפרוף פון אונזער מעמבערשיפ איז געווען אזוי גרויס, דאס איך בין איינפאך געווען ערשטוינט און, פארשטעהט זיך, זעהר צופרידען.

ווען מען ארבייט אלס אקטיווער מעמבער פון אן ארבייטער־ארגאניזאציע, דוכט זיך דאס רוב, אז די גרויסע מעמבערשיפ קימערט זיך ווייניג־וואס וועגען דעם, און דעריבער ווערט די ארבייט נים אפגעשעצט. אזוי האב איך אויך געמיינט. אבער דער לעצטער קעמפיין האט מיר געמאכט ענדערען די מיינונג. די פריינדשאפט און קאאפעראציע וואס איך האב באקומען, סיי אין געלט־בייזשטייערונגען און סיי אין דער קעמפיין־ארבייט, האט מיר געמאכט איינזעהן, דאס אויב מען טוט עפעס גוטעס פאר אן ארבייטער־ארגאניזאציע, ווערט עס נים פארלארען; דאס די מיטגלידער פון דער יוניאן אנערקענען און שעצען די ארבייט פון די טעטיגע מיטגלידער.

באזונדערס דריק איך אויס א דאנק צו די שאפ־טשערלייט און די אקטיווע מעמבערס פון אונזער יוניאן, וועלכע האבען זעהר ענערגיש געארבייט צו קאלעקטען געלט אין די שעפער פאר'ן קעמפיין־פאנד.

א סאציאליסטישען קעמפיין איז זעהר שווער אנצופיהרען. די אלטע פאליטישע פארטייען האבען זעהר גרויסע געלט־סומען אנצופיהרען א קעמפיין. א חוץ דעם האבען זיי אן ארגאניזירטע מאשינעריע, וואס ארבייט דאס גאנצע יאהר אין די פארשיידענע דיסטריקטען.

אין א סאציאליסטישען קעמפיין איז דאס גרעסטע פראבלעם, ווי צו באקומען דאס נויטיגע געלט פאר ליטעראטור, וואס מען דארף פארטיילען, אויף צו דינגען מיטינג־לאקאלען, און נאך אנדערע זאכען וואס זיינען זעהר נויטיג צו מאכען א קעמפיין ערפאלגרייך. דאס געלט דארף געשאפען ווערען דורך פרייוויליגע בייטראגען, און דאס קומט נים אן לייכט.

אין מיין קעמפיין האט די „דרעס מייקערס קעמפיין ליג" ארויסגעלאזען זאמעל־ליסטען איבער די שעפער, און עס פרעהט מיר צו באריכטען, דאס דער עולם האט זיך גאנץ ווארים אפגערופען. עס איז אריינגעקומען כמעט גענוג געלט צו דעקען די אויסגאבען. אונזערע מיטגלידער האבען זיך געטראכט, וויבאלד איינע פון זייערע האט באקומען די אנערקענונג און דאס צוטרויען פון דער ארבייטער־באוועגונג, מו דארפען זיי איהר העלפען. און צו אלע אין אונזער יוניאן, וואס האבען מיר אזוי גרויסמוטיג מיטגעהאלפען, וויל איך זאגען: איך בין זעהר צופרידען מיט די רעזולטאטען פון מיין קעמפיין. מיר האבען אנגעפיהרט אין דעם דיסטריקט א סיסטעמאטישען, באלעהרענדען סאציאליסטישען קעמפיין און מיר האבען באוויזען צו קריגען גענוג שטימען צו פארנעמען דעם צווייטען ארט אין דעם עלעקשאן. און מיר וואלטען עס קיינמאל נים געקענט דערגרייכען, ווען נים די איבערגעבענקייט און קאאפעראציע פון די אקטיווע מענער און פרויען פון אונזער יוניאן וואס האבען אזוי געטריי געהאלפען אונז אין דער ארבייט, וואס האבען אונז געהאלפען אויף יעדען מעגליכען אופן.

די פילע פריינד וואס האבען אונז אזוי געטריי געהאלפען אין דעם קעמפיין, האבען קלאר באוויזען, דאס זיי האבען פארשטאנען די וויכטיגקייט פון דעם קעמפיין, וועלכער איז געווען עפאכע־מאכענד אין דעם זין, דאס אין דעם לאנד זאל געשאפען ווערען א „לייבאר פארטי", וואס זאל פארטרעטען דעם ארבייטער'ס אינטערעסען.

דער 17טער אסעמבלי דיסטריקט איז א טייל פון דעם 20טען קאנגרעשאנאל דיסטריקט, און מיר האבען באוויזען דארט צו ערוועהלען צום קאנגרעס ברודער פ. ה. לאגווארדיא, דער קאנדידאט פון דעם פראגרעסיווען און סאציאליסטישען טיקעט. ניט אכטענדיג אויף די גאנצע אנשטרענגונג פון ביידע אלטע פארטייען איהם צו באזיגען, האט ער באקומען א זעהר גרויסע מאיאריטעט שטימען, און מיר קענען געוויס שטאלץ זיין אויף דער ארבייט, וואס מיר האבען אריינגעטאן אין דעם דיסטריקט אין צייט פון דעם קעמפיין.

איך דריק אויס א דאנק צום דרעסמאכער קעמפיין ליג, פון וועלכען ס. פריזאמט איז געווען טשערמאן; י. שעהנהאלץ, פינאנשעל סעקרעטער; נ. שעכטער, וואס האט געטאן די עקזעקוטיווע ארבייט אין דעם קעמפיין, און דזש. שאפירא, וואס האט אזוי פיל געטאן פאר דער ליג. איך שיק אויך מיין דאנק צו אלע ביזנעס־איידזשענטס פון דעם דרעס־דעפארטמענט פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעס מאכער יוניאן. זיי האבען געטאן דאס בעסטע צו העלפען דעם קעמפיין מיט וואס זיי האבען נאר געקענט.

איך שיק אויך מיין דאנק צו די פרויען־מיטגלידער פון אונזער יוניאן, וועלכע האבען געטאן זעהר גוטע ארבייט אין דעם קעמפיין. זיי זיינען מיר אימער געקומען צו הילף, ווען נאר איך האב עס געדארפט. זיי זיינען געווען רעדנער, קענוועסערס און האבען אויך געטאן די קעמפיין־ארבייט אין אפיס, אין די העדקווארטערס פון דעם קעמפיין. איך וועל קיינמאל ניט פארגעסען די קאאפעראציע וואס איך האב באקומען פון סיידי רייך, פעני שאפירא, מערי גאץ, אלנא ארלאנס, פעני עפשטיין, סיליא שוואנגפעלד, ראזע פער און אלע אנדערע מיינע פריינד, וואס איך קען דא ניט אויסרעכענען, ווייל עס וואלט פארנומען צופיל פלאץ. איך גלויב, דאס זיי ווייסען, דאס איך וועל קיינמאל ניט פארגעסען די הילף וואס זיי האבען מיר געגעבען, און איבערהויפט דעם גוטען גייסט, אין וועלכען די הילף איז מיר געגעבען געווארען.

מיט פריינדליכען גרוס,
מאלי פרידמאן.

דאנקזאגונג פון א טשערמאן צו די שאפ ברידער.

נישט האבענדיג די געלעגענהייט צו באדאנקען מינדליך מיינע ברידער פון ה. גורדשטיינ'ס שאפ, 28 וועסט 27טע סטריט, פאר דער טייערער מתנה, וואס זיי האבען מיר פרעזענטירט, בעט איך דעם הערר רעדאקטאר די געפעלינקייט מיר צו ערלויבען דאס צו טאן דורך דער „גערעכטיגקייט".

ברידער! איך האב נים אזוי פיל דאנק ווערטער אייך אויסצודריקען פאר דעם סורפרייז וואס איך האב פון אייך געקראגען. עס איז מעהר, פיל מעהר ווי איך האב פון אייך אמאל ערווארטעט. דאס צייגט, אז מען איז טריי צו יענעם איז מען טריי צו זיך. איבערהויפט איז ביי מיר זעהר פיל ווערט די אנערקענונג פון א גרופע ארבייטער. דאס מאכט מיר פיהלען שטאלץ און עס גיט מיר אויך פרישען מוט אויף ווייטער צו ארבייטען פאר'ן וואויל און בעסטען פאר די ברידער אין שאפ און פאר די אינטערעסען פון דער יוניאן בכלל.

מיט ברודער גרוס,
מארים קאהן.

א „נייע" רפואה געגען דאס פארשווינדען פון „באנדעל".

ווערטער רעדאקטאר „גערעכטיגקייט":

אפארבייטענדיג א פאר צעהנדליג יאהר ביי קלאוקס, בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אז קלאוקס איז עפעס אזא מין קרענק, וועלכע וואס מעהר מען קורירט זי איז ערגער ווערט זי. און דאס איז דערפאר, ווייל קלאוקס קען מען מופען זעהר לייכט. דארום קומט אלע מאל אויס, אז נאך א סטרייק, ווען עס דוכט זיך אונז אויס, אז מיר האבען געזיגט, לאזט זיך אויס, אז מיר האבען נאר פארלארען. די באנדלאך ווערען פארשוואונדען. וואס קומט אונז ארויס, אז מיר ארבייטען פון וואך און מיר האבען א סקייל, אז די ארבייט ווערט גאר געמאכט ביי אל די שווארץ יאהר?

דארום זאג איך, אז אונזערע פראפעסארען זאלטען דאס באדארפט נעמען אין אנבאטראכט און אנווענדען גאר אנדערע מיטלען אום צו פארבעסערען דעם קלאוק־מייקערס לאגע. מען וואלט באדארפט אנווענדען אזוינע מיטלען, אז דעם דזשאבער זאל זיך ניט לוינען ארויסצושיקען די ארבייט פון ניו יארק, און אז דעם אפען־שאפ אדער קאאפערייששאן־שאפ זאל זיך ניט לוינען אוועקצופטען פון ניו יארק.

כדי דאס אויסצופיהרען, וואלט מען באדארפט ערשטענס אפשאפען אונזערע שטרויענע באסעס, וואס מיר האבען היינט צו טאג און וואס נעמען אראפ די סמעטענע און מיר, ארבייטער, זאלען ארבייטען דירעקט פאר'ן דזשאבער. ווען די יוניאן וויל דאס נאר, וואלט זי עס געקענט לייכט דורכפיהרען. זי וואלט נאר באדארפט מאכען אן אויפרוף צו די ארבייטער, אז ווער עס פארמאגט 100 דאלאר און וויל צושטעהן צו א קאאפערייששאן זאל זיך מעלדען אויף א געוויסען אדרעס, און אזוי ארום זאל די יוניאן צונויפשטעלען גרויסע קאאפערייששאנס, וועלכע וואלטען געארבייט דירעקט פאר'ן דזשאבער.

איך בין זיכער, אז אלע אפען־שאפעס און קאאפערייששאן־שאפעס וואלטען ארויסגעקראכען פון זייערע נארעס און וואלטען זיך אנגעשלאסען אן אזוינע קאאפערייששאנס, וואס די יוניאן אליין גרינדעט.

איך ווייס, אז א סך ארבייטער, וואס האבען איינגעפיקסט אפען־שאפעס, האבען עס געטאן פשוט דערפאר, וואס זיי האבען נים געהאט ביי וועמען צו ארבייטען, ווייל היינטיגע באסעס זיינען קיין באסעס נים און קיין האניג לעקען זיי אויך נים, ווייל פון איין זייט פארלאנגט זיי די יוניאן און פון דער צווייטער דריקט זיי דער דזשאבער, און אז מען וואלט פטור געווארען פון דער צרה, וואס רופט זיך אפען־שאפ און קארפערײשאן, וואלט שוין אויך געווען א גרויסער געווינס פאר דער אינדוסטריע, ווייל עס וואלט אפגעשאפט געווארען די גרויסע קאנקורענץ.

מיין מיינונג איז, אז מען זאל גרינדען גרויסע קאאפעראטיווע שעפער פון 50 מענשען און מעהר. אז 50 מענשען וועלען איינצאהלען צו 100 דאלאר, וועט ווערען 5 טויזענט דאלאר. פאר 2 טויזענט דאלאר קען מען איינפיקסען א שעהנעם שאפ און 3 טויזענט זאל זיין אויף צו צאהלען וויידזשעס. אבער אזוי ווי ביי אזא אונטערנעמונג וואלט זיך יעדען איינעם אויסגעראכט, אז ער ארבייט שווערער פון צווייטען, זאל דארום איינגעפיהרט ווערען שטיק־ארבייט, און וויפיל איינער וועט מאכען זאל ער קריגען באצאהלט ענדע וואך, און מיט די פראפיטען זאל מען זיך טיילען גלייך, ווייל אלע מעמבערס האבען דאך אריינגעלעגט א גלייכען חלק געלט.

איך רעכען, אז עס איז איבעריג צו שרייבען איצט וועגען דעם ווי אזוי די קאאפעראטיווע שעפער דארפען זיך פיהרען. אויב עס וועט נאר קומען דערצו, זיינען דא קליגערע מענשען פון מיר אויסצוארבייטען די רולס און רעגולײשאנס. וואס איך וויל איז, אז מען זאל אפשאפען די היינטיגע שטרויענע באסעס, וואס עס איז א יועהטאג און א שאנדע צו ארבייטען ביי זיי, און איינפיקסען גרויסע קאאפעראטיווע שעפער און ארבייטען דירעקט פאר די דזשאבערס. און עס קען זיין, אז אויף אזא מין אופן זאל ניו יארק נאך אמאל ווערען דער צענטער פון קלאוקס און די קלאוקמאכערס זאלען זיך קענען מאכען א שטיקעל לעבען.

הערי ראווינסקי,
לעדזשער נומער 22-15853

א דאנק רעזאלוציע פון דעם טאראנטער דזשאינט באארד קלאוקמאכער יוניאן

ווערטער רעדאקטאר:

אין נאמען פון אלע טאראנטער קלאוק מאכער, ספעציעל פון די סטרייקענדע ארבייטער, דריקען מיר אויס אונזער הארציגען דאנק צו די היברו עקטארס יוניאן לאקאל 1, ווי אויך צו גענאסע ר. נוסקין, פאר זייער גוטהארציגקייט און נאבעלען טאט צו געבען א גאנצע פרייע פארשטעלונג פאר אונזערע סטרייקערס.

די פארשטעלונג ווערט אויפגעפיהרט פון דער קינסטלער קאמפאניע פון דעם טאראנטער סטענדערד טעאטער, אינטער דער פיהרערשאפט פון די באוואוסטע קינסטלער, אויערבאך, האניגמאן, און גאלדשטיין, וועמען מיר דאנקען הארציג.

מיר דאנקען אויך הארציג די הערען ליטמאן און הענדס, מענעדזשערס פון סטענדערד טעאטער פאר געבען דאס טעאטער פריי פאר דעם אווענט.

טאראנטאר דזשאינט באארד
קלאוקמאכער יוניאן.

בראנזווילער בעקער יוניאן אין קאמף

פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען מאכט אן אפיל פאר זיי.

די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען פארעפענטליכט דעם פאלגענדען אפיל פאר די בראנזווילער בעקערס:

„די בעקערס יוניאן פון בראנזוויל פיהרט איצט א דאפעלטען קאמף פאר דער אנהאלטונג פון זייערע שוין פון לאנג אויסגעקעמפטע ארבייטס־באדינגונגען. די יוניאן האט א סטרייק אין צוויי שעפער: ביי באס טילים, פון 236 ליבערטי עוועניו, און ביי די באסעס בארט און שעכטער, פון 402 האווארד עוועניו. די באסעס ווענדען אן אלערליי מעטארען צו מאטערען די יוניאן. קאורם אינדזשאנקשאנס, ארעסטען, און אלע וואס באסעס קען נאר איינפאלען צו פײנינען ארבייטער, וועלכע זיינען אין א סטרייק ביי זיי. צו דעם איז איצט צוגעקומען אין בראנזוויל אן „אינדעפענדענט יוניאן", וועלכע גראבט אונטער די ארבייטס־באדינגונגען. די „אינדעפענדענט יוניאן" שיקט ארבייטער צו באסעס פאר א סך קלענערע וויידזשעס און לענגערע שטונדען. ווען די בעלי־הבתים ווארפען ארויס יוניאן־לייט, נעהמען ארויס אינדזשאנקשאנס און זוכען צו סעטלען מיט דער „אינדעפענדענט יוניאן". איז עס דער בעסטער באווייז ווי דיזע זאגענאנטע „יוניאנעל" שפילט ארײין אין די הענט פון די באסעס און דינט זיי אויך דירעקט. פארשטעהט זיך, אלזא, אז אזא קאמף פון דער בעקערס יוניאן געגען אלערליי שונאים איהרע מוז קריגען אלעמענס שטיצע. די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען ווייס ווי אזוי די בעקערס האבען אימער געהאט צו קעמפען פאר א מענשליכען לעבען, און די געווערקשאפטען ווייסט וואס די בעקערס יוניאן איז אימער געווען פאר אלע אנדערע ארבייטער און פאר דער באפעלקערונג אין אלגעמיין. די געווערקשאפטען ווענדעט זיך דארום צו דער בראנזווילער באפעלקערונג צו העלפען די בעקערס. די הילפע איז זעהר א לייכטע. מען דארף נאר פארלאנגען געבעקס מיט'ן יוניאן לייבעל פון דער בעקער אינטערנעשאנאל".

דער אפיל איז אונטערגעשריבען פון מ. פיינסטאן, סעקרעטאר פון די געווערקשאפטען.

שוואכע מענשען
וועלכע שרעקען זיך אפ פון שטארקע אבפיהר־מיטלען
זאלען נעהמען
עקס־לאקס
געשמאק אין טעם ווי א טהייערער קאנפעקטור
עקס־לאקס ווירקט געלאסען און נאטירליך אהן קרעמפען און שמערצען, דערפאר איז עס אזוי באליבט ביי אלעמען, קליין און גרויס.
10, 25 און 50 סענט א באקס. אין אלע דראג סטארס.

די וויסענשאפטליכע ארגאניזירונג פון ארבייט

פון דר. הערמאן פראנק

מיט איינינע מאנאטען צוריק איז אין פראג, טשעכאסלאוואקיע, פארגעקומען דער ערשטער אינטערנאציאנאלער קאנגרעס פאר דער וויסענשאפטליכע ארגאניזירונג פון ארבייט. דער קאנגרעס איז איינגערופען געווארען דורך דער ארבייטס־אקאדעמיע אויף דעם נאמען פון פרעזידענט מאסאריק אין פראג צוזאמען מיט א קאמיטע פון דער אמעריקאנער אינזשעניר־געזעלשאפט. צווישען די 252 אייראפעאישע און 44 אמעריקאנער דעלעגאטען האבען זיך געפונען באדייטענדע וויסענשאפטס־לייט, אינזשענירס און טרייד יוניאניסטס. א דעלעגאציע פון 7 פערזאן האט רעפרעזענטירט סאוויעט־רוסלאנד, וואו ס'איז מיט 3 יאהר צוריק ארגאניזירט געווארען א צענטראלער אינסטיטוט פאר דער וויסענשאפטליכער ארגאניזירונג פון ארבייט.

די דאזיגע באוועגונג באריהרט זעהר נאהענט די אינטערעסען פון יעדען ארבייטער באזונדער און פון דעם גאנצען ארבייטער־קלאס. איהר אויפגאבע איז א גאנץ איינפאכע: ווי אזוי זאל מען די פראדוקציע מאכען אזוי עקאנאמיש ווי נאר מעגליך און פארקלענערען די פארלוסטען פון צייט און ענערגיע, פארלוסטען, וואס פארטייערען, נאטירליך, די פראדוקציאנס־קאסטען. די דאזיגע פראגען געהען אן דעם ארבייטער גאנץ שטארק, ווייל סוף כל סוף איז דאך די לעבעדיגע מענשליכע קראפט דער באדייטענדסטער פראדוקציאנס־פאקטאר. יעדער מין רעארגאניזיישאן פון די טעכנישע פראצעסען אין שאפ אדער פעקטארי רופט זיך אפ ראשית כל אויף דעם ארבייטער.

דער פאפולערער פרעזידענט פון טשעכאסלאוואקיע, פראפעסאר מאסאריק, האט אפגעלעבט א לאנגע צייט אין אמעריקא און קען די אמעריקאנער סיסטעם פון דער אזוי גערופענער סייענטיפיק מענעדזשמענט. ס'איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואס ער וויל איצט מאכען דעם ערשטען פארזוך צוצופאסען די אמעריקאנער סיסטעם צו די באדערפעניששען פון דער גאנצער געזעלשאפט און באזונדערס — פון דעם ארבייטער־קלאס, צו וועלכען ער האט פון שטענדיג זיך באצויגען זעהר ווארים. מיט דעם דאזיגען צוועק האט זיך געגרינדעט אין פראג אן ארבייטס־אקאדעמיע, וועלכע טראגט זיין נאמען. זי ארבייט ניט נאר אויף דעם וויסענשאפטליכען פארשונגס־געביט, נאר שטרעבט אויך צו פאפולאריזירען די געדאנקען וועגען „סייענטיפיק מענעדזשמענט" אין דער ברייטער עפענטליכקייט, כדי די ארבייטער זאלען דערפון האבען די גרעסטע נוצען.

ווי געזאגט, איז אלזא די סיסטעם פון וויסענשאפטליכער ארגאניזירונג פון ארבייט געשאפען געווארען צוערשט אין אמעריקא. איהר פאטער איז געווען דער אינזשעניר פרעדריק וו. טיילאר (1856־1915), מיט וועמעס נאמען די סיסטעם איז פארבונדען אין די אויגען פון דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט פאר די לעצטע 30 יאהר.

לויט די אנשויאונגען פון פ. וו. טיילאר דארף דער ארבייטס־פראצעס אין די אינטערעסען פון עמפלאיער און ארבייטער ארגאניזירט ווערען וויסענשאפטליך. אלע באוועגונגען פון דעם ארבייטער דארפען צולייגט ווערען אין זייערע באזונדערע באשטאנד טיילען, דאס מיינט אנאליזירט ווערען, און די איינצעלנע טייל־באוועגונגען דארפען ווידער אויף דעם גענויסטען אופן אויסגעמאסטען און אויסגעפארשט ווערען. דורך דעם וועט מען קענען אויסגעפינען ביי וועלכע ארבייטס־פראצעסען און ווי אזוי מ'קען איינשפארען צייט, ענערגיע און מאטעריאל. די פילע נאכפאלגער פון פ. וו. טיילאר האבען אויף די דאזיגע יסודות אויפגעבויט א גרויסען בנין פון פארשיידענע פראקטישע מיטלען ווי צו מאכען די פראדוקציע עקאנאמישער. גרינדליכע ענדערונגען אין פעקטארי־מענעדזשמענט, א צענטראליזירטער קאנטראל און סטאנדארדיזיישאן — דאס זיינען די וויכטיגסטע פרינציפען פון דער טיילאר־סיסטעם, וועלכע דרינגט אריין ביסלאכווייז אלץ טיפער אין דער אינדוסטריע.

די סיסטעם פון סייענטיפיק מענעדזשמענט האט אין דער ערשטער צייט ארויסגערופען א גרויסע אומצופרידענהייט ביי די ארגאניזירטע ארבייטער. די טרייד־יוניאנס האבען גאנץ אפט ארויסגעשטעלט די טענה, אז דאס, וואס מ'געווינט דורך א גרעסערער פראדוקטיוויטעט און העכערע ווייזדשעס, וועגט ניט איבער דעם שאדען, וועלכען ס'קען דערביי ליידען דאס געזונט און דער גייסט פון דער ארבייטער. די גרעסטע נוצען האט אלזא נאר דער קאפיטאליסטישער אונטערנעמער, ווייל דער ארבייטער ווערט צוליב דער געוואלדיגער שנעלקייט, מיט וועלכע ער דארף אויספיהרען די באוועגונגען, שנעלער און שטארקער פארמאטערט פון דער ארבייט און דאס האט געפעהרליכע פאלגען פאר דעם געזונט. די איילעניש און די גרעסערע ספעציאליזאציע, פון וועלכער ס'האלט אזוי שטארק די טיילאר־סיסטעם, רופט זיך שלעכט אפ אויך אויף דעם גייסט פון ארבייטער. דער גייסט מוז פארטעמפט ווערען, אויב דער מענש פארוואנדלט זיך אין אן אויטאמאט, א מין לעבעדיגע מאשין, וואס טאר ביי דער ארבייט ניט אפקערען זיך אויף א האר ניט אויף רעכטס און ניט אויף לינקס פון דעם פאראויסבאשטימטען פלאן פון די סייענטיפיק מענעדזשערס אינדזשיניערס.

אט אזוי האט די ארבייטערשאפט אויפגענומען די טיילאר־סיסטעם מיט 25־30 יאהר צוריק. ווי יעדע נייע ערשיינונג האט זי באלד צוגעצויגען פיל בלינדע אנהענגער און אפשר נאך מעהר פארביסענע געגנער. ערשט אין לויף פון די שפעטערדיגע יאהרען האט דער שטרייט ארום דער פראגע פארלארען זיין שארפקייט און דאס לעבען האט, ווי שטענדיג, געזאגט דאס לעצטע און ענטשיידענדע ווארט. מ'האט איינגעזעהן, אז די טיילאר־סיסטעם קען ביי באשטימטע באדינגונגען דאך געבראכט ווערען אין איינקלאנג מיט די ארבייטער אינטערעסען און זיין אפילו פון גרויס נוצען פאר דעם ארבייטער קלאס. גענוי ווי מיט 100 יאהר צוריק, ווען די עמפערטע ארבייטער מאסען האבען בלינד געשטורעמט די נייע מאשינעריען, אין וועלכע זיי האבען געזעהן א געפעהרליכען שונא, וואס שטופט ארויס טויזענטער ארבייטער פון דער אינדוסטריע, האט מען אויך אין דעם איצטיגען פאל פון אנהויב ניט געקענט ערווארטען קיין פולשטענדיג באוואוסטזיניגע באציהונג מצד די ארבייטער. זעהר שנעל האט אבער די ארבייטערשאפט איינגעזעהן, אז די מאשין איז ניט איהר שונא, נאר פארקערט — איהר בעסטער פריינד, ווייל די עפאכע פון דער אינדוסטריעלער ציוויליזאציע, וועלכע איז געעפענט געווארען א דאנק די גרויסע טעכנישע ערפינדונגען, באשאפט די באדינגונגען פאר אן אומגעהייערען סאציאלען און עקאנאמישען פארטשריט פון דער ארבייטערשאפט. אויך די טיילאר־סיסטעם קען ווערען א געפעהרליכע געצייג אין די הענט פון א קאפיטאליסטישען עקספלאטאטאר, אבער זי קען אויך זיין א גאנץ גוטע און נויטיגע איינריכטונג, אויב זי ווערט באנוצט מיט דעם גוטען ווילען פון די ארבייטער. אין אזא פאל ווערט די וויסענשאפטליכע ארגאניזירונג פון ארבייט א נייער און וויכטיגער מיטעל בעסער צו באהערשען די קרעפטען פון דער נאטור און אויסנוצען איהרע רייכטימער פאר דער באפרידיגונג פון די מענשליכע באדערפעניסע.

די טיילאר סיסטעם קאן אלזא צוגעפאסט ווערען צו די אינטערעסען פון די ארבייטער, אויב זי האלט זיך אין באשטימטע גרעניצען, אבער נאר די גאנץ פאנאטישע אנהענגער פון דער דאזיגער סיסטעם ווילען באהויפטען, אז זי וועט פיהרען צו אזא פארגרעסערונג פון דער פראדוקציע, וועלכע וועט סוף כל סוף אויך לייזען די גאנצע סאציאלע פראגע. דאס איז געוויס א „האמבוג", אין וועלכען ס'איז ניטא קיין שמץ פון אמת. די סייענטיפיק מענעדזשמענט האט ענדעקט געזעצען פון דער פראדוקציע, אבער ניט — פון דער פארטיילונג פון דעם פראדוקט צווישען איינצעלנע סאציאלע קלאסען. אויב דאס איז אזוי, דאן קען דער טייל פון ארבייטער־קלאס באשטימט ווערען נאר דורך גאנץ אנדערע מיטלען — א שטארקע יוניאן־ארגאניזאציע, געזעלשאפטליכער קאנטראל פון די רוי־שטאפען און טראנספארט־מיטלען וכדומה.

די ערשטע העלפט פון פ. וו. טיילארס לעבען, מיט א יאהר 40 צוריק, איז געווען א צייט ווען די אמעריקאנער אינדוסטריע האט געהאלטען אין איין וואקסען. פון קליינע פאבריקען און שעפער זיינען געווארען גרויסע אינדוסטריעלע יוניטס, וועלכע האבען זיך שפעטער פארוואנדעלט אין ריזיגע קאמביינס און טראסטס... אין יענער צייט איז נאך די לאגע פון דעם ארבייטער־קלאס געווען זעהר אן אומגינסטיגע, ווייל די ארבייטער־ארגאניזאציעס האבען ניט געקענט וואקסען אזוי שנעל ווי ס'איז פארגעקומען דער וואוקס פון דער אינדוסטריע. די קאפיטאליסטען האבען מיראדיג עקספלואטירט די ארבייטער, וועלכע האבען בשום אופן ניט געוואלט צולאזען, אז אויך די נייע טיילאר־סיסטעם זאל אויסגענוצט ווערען געגען די ארבייטער־אינטערעסען.

די געוואלדיגע ענטוויקלונג פון דעם אמעריקאנער ארבייטער־קלאס פאר די לעצטע 25 יאהר האט געפיהרט צו אן ענדערונג אין דער אנשויאונג וועגען דער טיילאר־סיסטעם. די טרייד־יוניאנס האבען איצט דאס רעכט צו זאגען זייער ווארט אין אלע פראגען פון דער פאבריק־ארגאניזיישאן און מוזען נאטירליך האבען א דעה אין א פראגע, וועלכע גערט אן דעם ארבייטער ממש ביים לעבען, ווי ס'איז דער פאל מיט דער סייענטיפיק מענעדזשמענט. דאס דאזיגע רעכט נוצען שוין היינט אויס אין א ברייטער מאס די טשעכאסלאוואקישע יוניאנס, נעמענדיג אן אקטיווען אנטייל אין די ארבייטען פון דער פראגער ארבייטס־אקאדעמיע. א דאנק דעם האבען זיי אויך אויפגעהערט צו באטראכטען די טיילאר־סיסטעם אלס א געפאר פאר די ארבייטער, ווי דאס איז געווען דער אלגעמיינער קוק פון די אמעריקאנער ארבייטער מיט 25 יאהר צוריק און פון די ארבייטער אין אייראפא נאך מיט 10־15 יאהר צוריק. דאס באווייזט אגב ווי דאס לעבען גופא שטעלט איצט אוועק פאר דעם ארבייטער־קלאס גאנץ נייע אויפגאבען, פון וועלכע די וויכטיגסטע איז די באטייליגונג פון די ארבייטער אין דעם קאנטראל און מענעדזשמענט פון דער אינדוסטריע.

דער צווייטער אינטערנאציאנאלער קאנגרעס פאר וויסענשאפטליכע ארגאניזירונג פון ארבייט וועט פארקומען אין פילאדעלפיא, אין 1926. ס'איז איבעריג צו זאגען ווי וויכטיג ס'איז, אז די אמעריקאנער יוניאנס זאלען זיך דורך די קומענדע 2 יאהר ווי געהעריג צוגרייטען צו דער ראלע, וועלכע זיי קענען און דארפען שפילען ביי אזא קאנגרעס.

פרעזענטירען דעם שאפ־טשערמאן.

מיר, די ארבייטער, פון ריבנער און וועקסים שאפ, פילאדעלפיע, אנערקענענדיג די גוטע ארבייט פון אונזער שאפ־טשערמאן, ברודער יעקב זשוראוויצקי, פאר דעם שאפ, פרעזענטירען איהם מיט א גאלד וואטש, און ווינשען ער זאל דאס טראגען געזונטערהייט, און אייך פארזעצען זיין גוטע ארבייט אין דער צוקונפט.

ה. ארלין, י. עדוואַרדס,
י. טשאדיקער, מ. סיגעל,
י. מיניקער.
קאמיטע.

דוסטריע איז א זעהר רייכע אינדוסטריע. די ארבייטער אין דער ניט־גודס אינדוסטריע ווערען געצעהלט ביז א צעהן טויזענט, און עס איז ווירקליך ניטא קיין גרונד, אז די לאגע פון די ארבייטער זאל ניט קענען שטארק אויפגעהויבען ווערען, ווען די צעהן טויזענט ארבייטער, אונטער דער פיהרערשאפט פון דער אינטערנעשאנאל, זאלען זיין שטארק ארגאניזירט, און באמת ענטשלאסען אויסצופיהרען אין זייערע שעפער אזעלכע באדינגונגען, וואס די ארבייטער אין אנדערע טריידס געניסען שוין זייט יאהרען לאנג א דאנק דעם פאקט, וואס זיי זיינען ארגאניזירט אין שטארקע טרייד־יוניאנס.

דער ארגאניזיישאן־דרייוו פון דעם דיסטריקט קאונסיל אין ניו יארק

פארלעצטען מאנטאג האט דער דיסטריקט קאונסיל, די צענטראלע קערפערשאפט פון די פארשיידענע קליינע יוניאנס, וועלכע זיינען ניט אנגעשלאסען אן דעם דזשאינט באארד, אנגעפאנגען זיין ארבייט, צוליב וועלכער ער איז אייגענטליך געגרינדעט געווארען, צו ארגאניזירען די טויזענדע און טויזענדע וועלכע זיינען נאך ניט ארגאניזירט, און וועלכע מוזען ארגאניזירט ווערען סיי צוליב זייער אייגענע טובה, און סיי אין די אינטערעסען פון די יוניאנס פון די פארשיידענע טריידס, וועלכע עקזיסטירען שוין, אבער וועלכע קענען ניט מאכען זיך שטארק פיהלען אין זייערע אינדוסטריען, ווייל זיי זיינען צו שוואך, צו קליין דערצו, ווייל הונדערטע און טויזענדע שעפער זיינען באזעצט פון ניט־יוניאן־ארבייטער און וועלכע טוען די זעלבע ארבייט, וואס זיי, פאר די מיזעראבעלסטע באלוינונג.

♣

דער דאזיגער קעמפיין האט שוין געמאכט א היבשען גערודער אין די קווארטאלען, אין וועלכע ער איז אויפגענומען געווארען. אפילו אונזער ענגלישע פרעסע האט שוין אויפגענומען די נייעס פון דעם קעמפיין. דער קעמפיין ווערט געפיהרט מיט אמת'ן ענטוזיאזם פון גאר פילע, פילע פרייוויליגע טוער. איין טאג זיינען געווען הונדערטע וואלונטירען, וועלכע האבען זיך ארויסגעלאזען איבער די באשטימטע קווארטאלען, אום צו פארשפרייטען דורך הענדבילס דעם מעסעדזש פון יוניאניזם. און מיר זיינען זיכער, דאס אונטער דער פיהרערשאפט פון וויים־פרעזידענט סעמועל לעפקאוויטש, וועלכער איז אליין העכסט באגייסטערט פאר דעם קעמפיין, און מיט דער מיטהילף פון אלע טוער און פון דער גאנצער מעמבערשיפ פון אלע לאקאלס, וואס זיינען אנגעשלאסען אן דעם דיסטריקט קאונסיל, וועט דער קעמפיין גאר אין גיכען ארויסווייזען גרויסע רעזולטאטען. עס איז דאך ווירקליך אונמעגליך, אז אין דער איצטיגער צייט, ווען דער געדאנק פון יוניאניזם איז אזוי פאפולער, און ווען זיינע רעזולטאטען פאר די ארבייטער זיינען אזעלכע גוטע, זאל אזא ארגאניזיישאן־קעמפיין ניט אריינברענגען טויזענדע און טויזענדע ארבייטער און ארבייטערינס אין אונזערע רייהען. וואס מען האט געקענט אויפטאן אין די פריהערדיגע יאהרען, ארגאניזירענדיג מיליאנען ארבייטער, דאס קען אויך איצט געטאן ווערען, און נאך מיט מעהר ערפאלג. דער עיקר איז, מען דארף ניט ווערען מיד און מוטלאז, אויב דער קעמפיין ברענגט ניט באלד די גרויסע און געווינשטע רעזולטאטען. אויסדויער־קראפט, געדולד און באגייסטערונג זיינען נויטיג אין יעדער אונטערנעמונג. נאך מעהר זיינען זיי נויטיג אין דער ארבייט פון ארגאניזאציאן. מיר ווינשען דעם דיסטריקט קאונסיל דעם שנעלסטען און בעסטען ערפאלג אין זיין גרויסער ארבייט.

דו ביזט א פרעמדער מיר

פון מ. פערעלמוטער.

דו ביזט א פרעמדער מיר
מיט דיינע וואכעדיגע רייד,
מיט דיינע מעשים און מאנירען.
נאר דורכ'ן ציטער פון דיין מנושים'דיגען קיך
הער איך דיין פארבארגען לעבען.
דורכ'ן נעבעל פון דיין צעשטרייטען בליק
זעה איך דעם פלאטער
פון דיין פרעמדלאנדישער נשמה.
עס טרעפט:
פארגעסט זיך אויף א וויל,
פארלירסט דיין וואך־באלאנס,
און דורכ'ן טראנס
צעבליהען, ווי נארציסען זיך, אויף דיינע ליפען
וואונדערליכע רייד,
וואס קיינער ווייסט ניט זייער באדייט...
אין יענע וואונדערליכע אויגענבליקען
בין איך א ברודער דיר,
כאטש ביזט א פרעמדער מיר
מיט דיינע רייד,
מיט דיינע מעשים און מאנירען
פון א גאנצער וואך...

אפריל, 1923.

GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Weekly

Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.

MORRIS SIGMAN, President — S. YANOFSKY, Editor
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — H. SCHOOLMAN, Business Manager

Subscription price paid in advance: $1.00 per year.

Vol. VI. No. 47. — New York, Friday, Nov. 21, 1924.

Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Post Office at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.

Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

צו די מעמבערס פון דער אינטערנעשאנאל וועל־כע געהען נאך אונטער דער פירמע: לאקאל 17

דער אינדזשאנקשאן, וואס עטליכע מענשען, וואס רופען זיך אייערע פאר־שטעהער, וואס האנדלען אין אייער נאמען, האבען ארויסגענומען געגען אייער אינטערנעשאנאל, געגען אייער דזשאינט באארד און געגען אלע אייערע אמת'ע פארשטעהער, איז נאך אלץ אין קראפט, און, פאלגליך, פונקט, ווי אין לעצטען נומער „גערעכטיגקייט“, טארען מיר אויך איצט ניט זאגען דאס, וואס דער אינ־דזשאנקשאן פארבאט. אמת, דער ריכ־טער, פאר וועמען דער פארהער איז פאר־געקומען לעצטען מאנטאג, האט נאך זיין ענדגילטיגע ענטשיידונג ניט ארויסגעגע־בען, אבער ער האט אויך ניט צוריקגע־וויזען דעם דערוויילינגען אינדזשאנקשאן. און אונזער איינדרוק איז, דאס ער האט זיך פיל אויפמערקזאמער צוגעהערט צו די טענות פון דעם לאיער, וואס האט פארטראטען די אנקלעגער, כאטש, לויט אונזער מיינונג, זיינען די טענות געווען גאנץ גרונדלאזע, ווי צו די טענות פון דעם לאיער פון דער אינטערנעשאנאל, וועלכער איז דאס מאל, א דאנק אייערע פארשטעהער, געזעסען אויף דער באנק פון די אנגעקלאגטע. אונז שיינט, אז וואלט דער דזשאדזש ווירקליך זיך גוט צוגעהערט צו דעם, וואס גענאסע היל־קוויט האט געזאגט, וואלט ער גלייך מבטל געווען דעם אינדזשאנקשאן, ווייל קלערער און בעסער ארויסברענגען דעם שטאנדפונקט פון דער אינטערנעשאנאל האט מען ניט געקענט און ניט באדארפט.

⁂

עס איז אמת, אז דער דזשאדזש האט באגרינדעט די אפלייגונג פון זיין ענדליכער ענטשיידונג דערמיט, וואס ער וואלט זעהר געוואלט, אז דער דאזיגער יוניאן־סכסוך זאל געסעטעלט ווערען אויסער דעם קאורט. מיט די ווערטער האט ער זיך איינענטליך געשטעלט אויף דעם שטאנדפונקט פון דער אינטערנע־שאנאל און פון דער גאנצער ארבייטער־באוועגונג, וועלכע פארדאמט אזא האנד־לונג מצד א לאקאל געגען אן אינטערנע־שאנאל. אבער מיר ווילען זיך ניט איינ־ריידען קיין פויגלאך אין בוזים, אז צוליב דעם וועט דער דזשאדזש זיך צוריקהאל־טען אין זיין ענדליכער ענטשיידונג פון מאכען דעם אינדזשאנקשאן פערמאנענט. ווארים, וואלט דער דזשאדזש באמת גע־מיינט, אז אזעלכע יוניאן־סכסוכים דאר־פען געסעטעלט ווערען אויסער דעם קאורט, פון די שטרייטענדע צדדים גופא, וואלט ער דאך לכתחילה זיך אפגעזאגט ארויסצוגעבען א דערוויילינגען אינ־דזשאנקשאן, פאר וועלכען עס איז ניט געווען דער מינדעסטער גרונד. און האט ער עס שוין געטאן, וואלט ער געקענט און באדארפט לאגישע־ווייזע, נאך דעם, ווי ער האט אויסגעהערט די קלארע און אונבאשטרייטבארע ארגומענטען און פאקטען פון גענ. הילקוויט, צוריקציהען דעם אינדזשאנקשאן טאקע צוזאמען מיט דער עצה טובה: געהט און סעטעלט עס צווישען זיך. דער פאקט, דאס ער האט עס ניט געטאן, און זיך גענומען צייט זיך מישב צו זיין, איז פאר אונז, לכל הפחות, א גוטער סימן, דאס ער האט בדעה אנצוהאלטען דעם אינ־דזשאנקשאן בייטש איבער דער אינטער־נעשאנאל, און אויף אזא אופן מאכען די אינטערנעשאנאל פיהלען די גאנצע מאכט פון קאורט איבער איהר.

⁂

איז, אויב איהר ווילט, קענט איהר שוין זאגען, אז אייערע פארשטעהער הא־בען געזיגט. זיי האבען אויסגעפיהרט, אז דערווייל איז קאורט אויף זייער זייט. און וואלט מען מיט דעם כח פון קאורט געקענט אויפהאלטען א יוניאן, וואלטען אייערע פארשטעהער געמעגט זיך בא־ריהמען מיט זייער זיג. אבער אזוי ווי מיר צווייפלען שטארק אין דעם; נאך מעהר, אזוי ווי מיר זיינען זיכער, אז די הילף פון קאורט אין אזא אנגעלעגענהייט איז דוקא א גרויסע שטערונג פאר אן ארבייטער־יוניאן אין איהר לעבען און קאמפען, מיינען מיר דארום, אז אזא מין זיג איז פון א זעהר קנאפען ווערט. עס איז ווירקליך נאר א קנאפע מציאה איינ־צוהאנדלען די פריינדשאפט פון קאורט אויף דעם חשבון פון דער געגנערשאפט פון דער גאנצער מעמבערשיפ פון דער אינטערנעשאנאל און פון אייער גאנצער ארבייטער־באוועגונג.

⁂

דענקט איהר ניט, אז מיר זיינען גע־רעכט אין אונזער קוק אויף דעם זיג פון אייערע פארשטעהער, אויב זיי זיינען ווירקליך אייערע פארשטעהער?

⁂

און איצט ווילען מיר איהר זאלט באטראכטען דעם דאזיגען זיג פון אן אנ־דער שטאנדפונקט. געגען וועמען הא־בען די עטליכע אנקלעגער געוואונען? ווער איז עס דער שרעקליכער שונא, גע־גען וועמען זיי פיהרען זייער גרויסען קאמף? דאס איז אייער אינטערנעשא־נאל, פון וועלכער איהר זיינט אלע מעמ־בערס, און פון וועלכער איהר ווילט בלייבען מעמבערס, ווייל איהר ווייסט, אז אהן דער אינטערנעשאנאל זיינט איהר מאכטלאז און הילפלאז. איז דאס אמת? געוויס. נון האבען אייערע פארשטעהער אויסגעפיהרט מיט זייער זיג צו געבען אייער אינטערנעשאנאל א שטארקען קלאפ, א מאראלישען קלאפ. ווארים אייער אינטערנעשאנאל ציהט איהר הויפט־קראפט און איהר הויפט־איינפלוס פון דער גרויסער מעמבערשיפ. עס איז די לאיאליטעט פון דער מעמבערשיפ צו דער אינטערנעשאנאל, וואס גיט איהר איהר פרעסטיזש, איהר איינפלוס; עס איז דער געדאנק, אז די אינטערנעשאנאל איז אימער ערנסט און געטריי צו די אינטערעסען פון דער גאנצער מעמבער־שיפ, וואס גיט איהר די גרויסע קראפט צו העלפען דער מעמבערשיפ אין אלע איהרע קעמפע. אייערע פארשטעהער מיט זייער אינדזשאנקשאן געגען די אינ־טערנעשאנאל און מיט זייער זיג אין קאורט האבען זיך אונטערגעגראבען אונ־טער דעם סאמע פונדאמענט פון אייער אינטערנעשאנאל. פרעגען מיר אייך: זעהט איהר דען ניט איין, ווי דורך דעם האבען אייערע פארשטעהער אונטערגע־גראבען אויך אייער אייגענע מאכט? זעהט איהר דען ניט, ווי נוצלאז עס וועט זיין פאר אייך ווייטער צו רעכענען זיך פאר מעמבערס פון דער אינטערנעשא־נאל, וועלכע אייערע פארשטעהער האבען געטאן זייער ערנסטעס צו דיסקרעדיטי־רען און אפשוואכען? זעהט איהר דען ניט, אז דוקא מיט דעם, וואס דער קאורט וועט ענטשיידען פאר דעם, אז אייער לאקאל זאל בלייבען, וועט עס זיין דער גרעסטער אונגליק פאר אייך? זיכער ווייסט איהר, אז קאורט וועט זיך ניט אננעמען פאר אייך אין אייערע סכסוכים מיט די באסעס; און די אינטערנעשא־נאל, ווען זי זאל אפילו וועלען אייך העלפען, צווייפלען מיר אבער, אויב זי וועט עס קענען טאן מיט אזא עפעקט נאך דעם, ווי זי איז ארויסגעקומען א גע־שלאגענע אין איהר קאמף געגען אן איינ־צעלנעם לאקאל.

⁂

באטראכט עס נאר גוט נאך אמאל, און איהר וועט זעהן, ווי ריכטיג דאס איז. נאך אמאל, און ווידער אמאל. אין וואס באשטעהט די מאכט פון דער אינטערנעשאנאל? איז איהר מאכט א געוואלד־מאכט? ניין, איהר מאכט איז א מאראלע מאכט; איהר מאכט איז אין דעם, וואס זי רעדט אין דעם נאמען פון אלע לאקאלס, און אט פון זיי און דורך זיי האט זי איהר אויטאריטעט. ווען, למשל, די אינטערנעשאנאל נעמט אויף א קאמף מיט אייערע ארבייטס־געבער, מיינט עס ניט א קאמף פון עטליכע יונ־יאן־מענשען געגען ארבייטס־געבער, נאר דאס מיינט א קאמף פון דער גאנצער יוניאן, פון דער גאנצער גרויסער מעמ־בערשיפ. דאס מיינט, אז ווען די אינ־טערנעשאנאל נעמט עטוואס אונטער, האט זי אויף דעם די אויטאריטעט פון דער גאנצער מעמבערשיפ. אזוי איז געווען ביז איצט. די אויטאריטעט פון דער אינטערנעשאנאל איז געשטאנען אויסער יעדען צווייפעל. און דאס איז דער סוד פון איהר מאכט. איצט אבער, דורך דעם אינדזשאנקשאן, און נאך מעהר דורך דעם זיג פון די אנקלעגער, וועט זיך ארויסווייזען, ערשטענס, אז די אינ־טערנעשאנאל איז ווייט ניט אזוי איינינ צווישען זיך, און, צווייטענס, דאס איבער איהר איז דא א גרעסערע מאכט, די מאכט פון קאורט אפילו אין פראגען, וואס זיינען דורך און דורך אינערליכע יוניאן־פראגען. קען אזא ארגאניזאציאן אויפטרעטען מיט דעם זעלבען פרעס־טיזש, מיט דעם זעלבען מאכט־באוואוסט־זיין, ווי אין פריהערינע קעמפע? נא־טירליך ניט. און ווער וועלען זיין די ערשטע, וואס וועלען ליידען דערפון? אלע ארבייטער, וואס געהערען צו דער אינטערנעשאנאל, און צווישען זיי זיכער אויך איהר, מעמבערס פון לאקאל 17, וואס האבען געשטעלט אין פראגע די אויטאריטעט פון דער אינטערנעשאנאל. איז עס דארום ניט קלאר, אז דער זיג פון דעם אנקלעגער איז אין דער אמת'ן פאר איהם און פאר אונזער גאנצער מעמבערשיפ א גרויסער אונגליק?

⁂

מיר ערווארטען ניט מיט אונזערע ווערטער צו מאכען די מינדעסטע ווענ־דונג אויף די עטליכע פיהרער פון אייער לאקאל. אז מיר האבען אויף זיי ניט געווירקט מיט דאס, וואס מיר האבען געזאגט פאריגע וואך; אז מיר האבען זיי ניט געקענט מאכען זעהן, וואס פאר א שענדליכע ראליע זיי האבען אויף זיך גענומען, און ניט געקענט מאכען זיי גלייך חרטה האבען אויף זייער האנדלונג, און אליין מיט זייער פרייען ווילען צו־ריקציהען זייער אינדזשאנקשאן, קענען מיר ניט ערווארטען, אז אונזער איצטי־גער אנווייז אויף די קאנזעקווענצען פון זייער האנדלונג און, אפשר אויך פון זייער „זיג“, זאל זיי אפהאלטען פון ווייטער צו געהן אויף דעם זעלבען וועג. אבער מיט די דאזיגע ווערטער ווענדען מיר זיך צו אייך, צו דער מעמבערשיפ פון לאקאל 17. מיר ווייסען, אז איהר זיינט ניט איינפארשטאנען מיט דער האנדלונג פון די עטליכע מענשען, וועל־כע האבען דעם אינדזשאנקשאן ארויס־גענומען. מיר קענען זיך ניט פארשטע־לען, אז איהר זאלט אנדערש דענקען און פיהלען. איהר זיינט דאך אלע יוניאן־מעמבערס. איז אט צו אייך, צו דער גרויסער מעמבערשיפ, ריכטען מיר אונ־זערע ווערטער. עס איז נאך ניט צו שפעט. די מעמבערשיפ פון לאקאל 17 איז, ליידער, ביז איצט מיט איהר שטאר־קען ווארט נאך ניט ארויסגעקומען. זי האט זיך ביז איצט געהאלטען אזוי גלייכ־גילטיג, אזוי ווי דאס וואלט ניט געווען איהר אינטערעס, איהר סאמע לעבען.

און מיר זאגען צו דער מעמבערשיפ: זעהט, עס זאלען ניט אונטערגראבען ווערען די סאמע ווארצלען פון דעם בוים, פון וועלכען איהר עסט די פרוכט. זעהט, אז די אינטערנעשאנאל, וועלכע איז גע־ווען און איז אייער פעסטונג, זאל אויף דאס מינדעסטע ניט אפגעשוואכט ווע־רען. און איהר קענט עס אויספיהרען, ווען איהר וועט נאך איצט ערקלערען פעסט, אז איהר זיינט געגען די האנד־לונג פון אייערע פיהרער; אז, כאטש איהר האט לכתחילה געמיינט ניט וועלען, אז אייער לאקאל זאל אויפגעלייזט ווע־רען און זיך פארשמעלצען אין איין גרויסען לאקאל פון קלאוק־אפרייטארס אין גרייטער ניו יארק, אבער איהר קענט ניט און וועט קיינמאל ניט דערלאזען, דאס אין אייער נאמען זאל געפיהרט ווערען א קאמף געגען די אינטערנעשא־נאל, וואס מוז סוף כל סוף אייך אליין ברענגען דעם גרעסטען שאדען. איהר קענט, ווען איהר וועט נאר וועלען, גע־פינען דעם ריכטיגען וועג צו זאגען עס, איהר טארט ניט דערלאזען אייערע פיה־רער צו האנדלען אזוי אונפאראנטווארט־ליך.

⁂

מיר ווידערהאלען נאך אמאל און נאך אמאל, איהר טארט ניט וועלען נאר, אז די אינטערנעשאנאל זאל ווערען באזיגט דורך אייך. מעהר נאך, אפילו, ווען די אינטערנעשאנאל זאל וועלען מאכען דעם מינדעסטען ריקטריט, דארפט איהר ניט דערלאזען דערצו. ווען אייער לאקאל וועט אויספאלגען דעם באשלוס פון דעם ג. ע. ב. האט ער נאר געהאנדעלט, ווי א לאקאל דארף האנדלען, און איהר וועט דערמיט פארשטארקען זיך און פאר־שטארקען די אינטערנעשאנאל. פאר־קערט, אבער, ווען איהר פיהרט אויס, אז די אינטערנעשאנאל זאל אייך נאכגעבען, וועט עס מיינען א שטארקער קלאפ, א מאראלישער קלאפ פאר אייער אינטער־נעשאנאל, און דערמיט א שטארקער קלאפ פאר אייערע אייגענע אינטערעסען, אלס יוניאן־מעמבערס. דאס, ווילען מיר, זאלט איהר זיך גוט איבערלעגען, איידער איהר לאזט די עטליכע פיהרער פון אייער יוניאן אנצוגעהן ווייטער אויף דעם פאל־שען קרומען וועג, וואס זיי האבען אויס־געקליבען, ווען זיי האבען אויפגענומען זייער פיים געגען די אינטערנעשאנאל.

דער ארגאניזיישאן־קאמפיין פון די ניט־גודס ווארקערס

עס איז שוין א מעשה פון א פאר יאהר, ווי די פארשטעהער פון די ניט־גודס ווארקערס יוניאן האבען פאר־לאנגט צו ווערען א לאקאל פון דער אינ־טערנעשאנאל. אבער דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, שטארק ווי ער האט מיטגעפיהלט מיט די ניט־גודס וואר־קערס אין זייער קאמף פאר בעסערע, מעהר מענשליכע באדינגונגען אין זייערע שעפער און פאר א גרעסערע באלוינונג פאר זייער ארבייט, האט ער דאך ניט געקענט פאר א לאנגע צייט זיך ענט־שליסען אריינצונעמען זיי אין די רייהען פון דער אינטערנעשאנאל. אמת, אונ־זער אינטערנעשאנאל האט זיי פיל גע־האלפען, אין זייער לעצטען קאמף האט דער דזשאינט באארד געהאלפען זיי מיט ראט און טאט, אבער ווייטער ווי דאס איז די פריינדשאפט ניט געגאנגען. צו מאכען זיי פאר א טייל פון דער אינ־טערנעשאנאל האט דער ג. ע. ב. ניט גע־קענט זיך ענטשליסען, ווייל ער האט גע־וואוסט, אז דאס מיינט נעמען אויף זיך זעהר שווערע ארבייט, צו ארגאניזירען א טרייד, וועלכער איז נאך כמעט ווי ניט ארגאניזירט.

⁂

פון דעסטוועגען לאנג האט דער ג. ע. ב. ניט געקענט ווידערשטעהן דעם פארלאנג פון די ניט־גודס ווארקערס. זייער הויפט־ארגומענט איז געווען, דאס ביז די ניט־גודס ווארקערס וועלען ניט וויסען, דאס זיי שטעהען אונטער דעם דירעקטען שוץ פון דער אינטערנעשא־נאל, וועלען זיי זיך ניט אנשליסען אן דער ניט־גודס ווארקערס יוניאן. ערשט דאן, ווען די אינטערנעשאנאל וועט מא־כען זייער יוניאן פאר איינעם פון איה־רע לאקאלס, וועלען די ארבייטער קומען אין מאסען. אויף דעם גרונד האט די אינטערנעשאנאל ארויסגעגעבען איהר טשארטער צו דער ניט־גודס ווארקערס יוניאן. און איצט איז די ניט־גודס ווארקערס יוניאן א טייל פון דער אינ־טערנעשאנאל. און די אינטערנעשאנאל וועט זיכער זארגען פאר דעם נייעם לא־קאל, ווי פאר יעדען אנדערען לאקאל, און, אפשר, נאך מעהר, ווייל דער נייער לאקאל נויטיגט זיך טאקע מעהר אין איהר הילף.

⁂

מיר ווייסען ניט, ווי ווייט די הבטחה, אז די ניט־גודס ווארקערס וועלען אריינ־שטראמען אין די ניט־גודס ווארקערס יוניאן אין גאנצע מאסען, איז מקוים געווארען, אבער דער ג. ע. ב. האט בא־שלאסען ניט צו ווארטען, ביז די ארבייי־טער אליין וועלען קומען אין די יוניאן, און אנצופיהרען א גרויסען ארגאניזא־ציאנס־קאמפיין, אז זיי זאלען וואס שנע־לער זיך אנשליסען אן דער יוניאן, אז זייער יוניאן זאל וואס גיכער ווערען א מאכט און א פאקטאר אין דער ניט־גודס אינדוסטריע, מיט וועלכען איהרע בעלי בתים זאלען מוזען נאר קירצליך זיך אנ־הויבען צו רעכענען.

⁂

די אויפגאבע צו ארגאניזירען די ניט־גודס ווארקערס איז איבערגעגעבען גע־ווארען צו וויס־פרעזידענט האלפערן, איינעם פון אונזערע פעהיגסטע ארגאניזי־רערס. מיר צווייפלען ניט פאר איין מאמענט, דאס ער וועט אפגעבען זיינע בעסטע כחות אין דעם קעמפיין. אבער מיר האפען, אז די ניט־גודס ווארקערס אליין וועלען, פון זייער זייט, טאן אלעס אין זייערע כחות צו מאכען דעם קעמפיין פאר אן ערפאלג. זאל יעדער איינער, וואס איז שוין אין דער יוניאן, מאכען עס פאר זיין פליכט אריינצוברענגען אין די יוניאן איינעם אדער צוויי נייע מעמ־בערס, און דער גרויסער ארגאניזיישאן קעמפיין וועט זיין באלד אין פולען שוואונג. זאל אין אלע ניט־גודס שע־פער באקאנט ווערען דער פאקט, אז די ניט־גודס ווארקערס יוניאן שטעהט ניט מעהר אליין, נאר דאס זי געפינט זיך דירעקט אונטער דעם שוץ פון דער אינ־טערנעשאנאל ליידיס גארמענט וואר־קערס יוניאן, און מיר זיינען זיכער, דאס צופיל קנעלען מיט די ניט־גודס וואר־קערס, אז זיי זאלען זיך אנשליסען אן דער יוניאן, וועט ניט זיין נויטיג. ווייל, ווי מיר פארשטעהען, זיינען די ניט־גודס ווארקערס גאנץ אינטעליגענטע ארביי־טער.

⁂

מיר ערווארטען דארום נאר אין גי־כען צו זעהן די ניט־גודס ווארקערס יוניאן אזוי שטארק און מעכטיג, דאס די אינטערנעשאנאל זאל מיט איהר ווירקליך קענען שטאלצירען, שוין אפגערעדט פון דעם, דאס זי זאל אמאל פיהלען ווי חרטה צו האבען, ווארום זי האט זיי באוויליגט א טשארטער. מיר ערווער־טען אויך, דאס נאר אין גיכען וועט די ניט־גודס ווארקערס יוניאן ווערען אזוי שטארק, דאס זי וועט זיין ווירקליך בכח צו דיקטירען באדינגונגען אין זייערע שעפער, אויסצופיהרען צו מאכען א סוף צו דער שרעקליכער עקספלואטאציע, וואס איז ביז איצט דער כלל אין אלע ניט־גודס שעפער. די ניט־גודס אינ־

דער דזשאָבער דעפּאַרטמענט פון'ם דזשאָינט באָארד

אויס דעם לעבען און טעטיגקייט אין דער קלאָוק און דרעסמאַכער יוניאָן.

פון ה. וואַנדער

מיט דעם רעפּאָרט בין איך אויסען באַקאַנט צו מאַכען די מיטגלידער פון אונזער יוניאָן מיט דער טעטיגקייט פון דעם דזשאָבער דעפּאַרטמענט, פון דעם דזשאָינט באָארד פון דער קלאָוק און דרעסמאַכער יוניאָן. דער דעפּאַרטמענט האָט צוויי אָפּטיילונגען, א קלאָוק אָפּטיילונג און א דרעס אָפּטיילונג, און מיר וועלען דאָ באַריכטען, וואָס עס איז אין דער לעצטער צייט געטאָן געוואָרען אין ביידע אָפּטיילונגען. איך וויל אָבער גלייך באַמערקען, דאָס די לעצטע עטליכע וואָכען איז געווען זעהר ביזי אין דעם דעפּאַרטמענט. מיר שיינט, אַז אַזאַ ביזי צייט האָט דער דעפּאַרטמענט נאָך קיין מאָל ניט געהאַט, זינט ער עקזיסטירט. און ביזי איז געווען אין ביידע אָפּטיילונגען, אין דעם קלאָוק אָפּטיילונג און אין דעם דרעס אָפּטיילונג.

קלאָוק אָפּטיילונג.

אין די לעצטע עטליכע וואָכען איז אין קלאָוק אָפּטיילונג אַטענדעט געוואָרען 160 קאָמפּליינטס, ווי פאָלגט: 141 קאָמפּליינטס אין באַצוג ניט יוניאָן שעפּער. די קאָמפּליינטס זיינען געווען געגען 81 אַסאָסיאיישאָן־דזשאָבערס און געגען 60 אינדעפּענדענט דזשאָבערס.

זעקס קאָמפּליינטס זיינען געווען אין באַצוג דעם, וואָס די דזשאָבערס האָבען באַשעפטיגט סעמפּעל מאַכער און קאַטערס. די קאָמפּליינטס זיינען געמאַכט געוואָרען געגען 2 אַסאָסיאיישאָן דזשאָבערס און 4 „אינדעפּענדענטס".

מיר האָבען אויך געהאַט 11 „ווײַדזש קליימס", — געגען 8 אַסאָסיאיישאָן דזשאָבערס און דריי „אינדעפּענדענטס".

צוזאַמען, אַלזאָ, 160.

א חוץ דעם האָבען מיר געמאַכט אַן אונטערזוכונג אין די ביכער פון 88 דזשאָבינג פירמעס. אין 58 פאַלען זיינען די „אינוועסטיגיישאָנס" געמאַכט געוואָרען פון אַקאַונטענטס, און אין 30 פאַלען זיינען די אינוועסטיגיישאָנס געמאַכט געוואָרען פון אונזערע אייגענע ביזנעס־איידזשענטס.

אין דער צייט האָבען מיר אויך גע־סעטעלט מיט 2 נייע דזשאָבינג־הייזער, וואָס האָבען זיך לעצטענס געעפענט.

105 קאָמפּליינטס, פון די 141 וואָס מיר האָבען באַקומען אין באַצוג דעם, אַז די באַטרעפענדע פירמעס מאַכען, אָדער קויפען ארבייט אין ניט יוניאָן שעפּער, זיינען געווען דער רעזולטאַט פון דעם „טשעקינג אַפּ" סיסטעם וואָס מיר האָבען, ווען מיר באַקומען די רעדזשיסטריישאָן פון קאָנטראַקטאָרס וואָס די דזשאָבערס שיקען אריין אין דער יוניאָן, לויט דעם לעצטען אַגרימענט אין טרייד. און 36 פון די קאָמפּליינטס האָבען מיר באַקומען דורך אַנדערע וועגען.

איצט לאָמיר זעהן, ווי אַזוי די דאָזיגע קאָמפּליינטס זיינען אַטענדעט געוואָרען.

אין 56 פאַלען זיינען דיזע קאָמפּליינטס געווען באַגרינדעט, און אין 33 פאַלען זיינען זיי ניט געווען באַגרינדעט. דער רעזולטאַט איז, דאָס 52 פון די קאָמפּליינטס זיינען צופרידען שטעלענד אַדזשאַסטעד געוואָרען.

49 פון די קאָמפּליינטס וואָס האָבען זיך ארויסגעוויזען צו זיין באַגרינדעט, זיינען געווען פון א מילדען כאַראַקטער. ווי א שטיינער די פירמעס האָבען געקויפט סעמפּעלס, און נאָך אַזוינע קליינע פאַרלעצונגען, און פאַר דעם האָט מען נעבען יענע פירמעס ניט געקאָנט מאַכען קיין קלאַגען. אין אַלע דיזע פאַלען זיינען די פירמעס געוואָרענט געוואָרען דאָס מעהר ניט צו טאָן און זיי האָבען עס פאַרשפּראָכען. נאַטירליך, אַז אָפען אויג וועט געהאַלטען ווערען, צו זעהן אויב זיי קומען נאָך דעם פאַרשפּרעכען.

דערפאַר אָבער, זיינען 7 פון די קאָמפּליינטס געווען פון א גאַנץ ערנסטען כאַראַקטער. למשל, מאַנכע פון די פירמעס האָבען ניט אָנגעגעבען אויף זייער „רעדזשיסטריישאָן ליסט" די קאָנטראַקטאָרס וואָס האַלטען אויף ניט־יוניאָן שעפּער. זיי האָבען, הייסט עס, גאַנץ באַוואוסטזיניג געשיקט ארבייט אין ניט יוניאָן שעפּער, און האָבען עס געזוכט צו פאַרדעקען פאַר דער יוניאָן. געגען די דאָזיגע פירמעס האָבען מיר אָנגעגעבען קלאַגעס צו דער אַסאָסיאיישאָן, און מיר וועלען זעהן זיי זאָלען באַקומען די ריכטיגע שטראָף פאַר איבערטרעטען דעם אַגרימענט.

וואָס אַנבאַלאַנגט די 52 קאָמפּליינטס וואָס זיינען באַלד אַדזשאַסטעד געוואָרען, זיינען זיי אין דער אמת'ען ניט געווען אַזעלכע, מ'זאָל קאָנען זאָגען, דאָס יענע פירמעס האָבען פאַרלעצט דעם אַגרימענט. אין מאַנכע פאַלען איז עס געווען א רעזולטאַט פון דעם וואָס מאַנכע סאַב־מאַנופעקטשורער נעהמען אונטער אייניגע נעמען. מיט דער יוניאָן האָבען זיי געסעטעלט אונטער אַזאַ נאָמען, און מיט'ן דזשאָבער האַנדלען זיי אונטער א צווייטען נאָמען. אַן אונטערזוכונג האָט אָבער באַוויזען, אַז דאָס זיינען דיזעלבע סאַב־מאַנופעקטשורער. מאַנכע פון זיי בייטען אָפט די נעמען און רעקאָרדען ניט דעם נייעם נאָמען אין אָפיס פון דער יוניאָן. אָבער ווי זיי האָבען געסעטעלט מיט דער יוניאָן און זיי האַלטען אויף יוניאָן שעפּער.

אין אַלע דיזע פאַלען זיינען די דזשאָבערס אינסטרואירט געוואָרען, דאָס ווען זיי גיבען ארויס ארבייט צו א קאָנטראַקטאָר אָדער סאַב־מאַנופעקטשורער, זאָלען זיי נאָכזוכען, אויב יענע זיינען רעדזשיסטרירט אין דער יוניאָן אונטער'ן זעלבען נאָמען.

דאָס אונטערזוכען די ביכער.

וואָס אַנבאַלאַנגט די אונטערזוכונג פון די ביכער, האָבען מיר עס געטאָן אום צו וויסען, אויב די רעדזשיסטריישאָנס פון קאָנטראַקטאָרס וואָס די דזשאָבערס שיקען אריין זיינען ריכטיג צו ניט, און אויב דיזע דזשאָבערס שיקען ניט אין דער זעלבער צייט ארבייט נאָך אין אַנדערע שעפּער, וועלכע זיי האָבען אין דער יוניאָן ניט רעדזשיסטרירט. פאַר דער יוניאָן, ווי איהר זעהט, איז עס גאַנץ וויכטיג, און נויטיג צו וויסען.

„ווײַדזש קליימס".

ווי מיר האָבען שוין פריהער אָנגעוויזען, האָבען מיר געהאַט 11 „ווײַדזש־קליימס". דאָס זיינען געווען קלאַגען, אַז געוויסע קאָנטראַקטאָרס האָבען ניט באַצאָהלט די ארבייטער די ווײַדזשעס וואָס איז זיי געקומען. בלויז אין צוויי פון די פאַלען האָבען מיר געמוזט אויפמאָנען די ווײַדזשעס דירעקט פון די דזשאָבערס, פאַר וועלכע די באַטרעפענדע קאָנטראַקטאָרס האָבען געמאַכט די ארבייט. און די ארבייטער האָבען באַקומען אויסגעצאָהלט די ווײַדזשעס אין אָפיס פון דער יוניאָן. אין די אַנדערע 9 פאַלען האָבען די ארבייטער באַקומען אויסגעצאָהלט די ווײַדזשעס פון די קאָנטראַקטאָרס גופא. עס איז גענוג געווען מיר זאָלען עס לאָזען וויסען די דזשאָבערס, זיי זאָלען פאַרהאַלטען דאָס געלט וואָס זיי האָבען געדאַרפט אויסצאָהלען די באַטרעפענדע קאָנטראַקטאָרס, און די קאָנטראַקטאָרס האָבען שוין ערגעץ געקראָגען געלט און אויסגעצאָהלט די ארבייטער די ווײַדזשעס.

♣

די צוויי נייע דזשאָבינג הייזער וואָס האָבען געסעטעלט מיט אונז זיינען: ס. א. פּראַנקע און קאָמ., 35 וועסט, 31טע סטריט און א. מאַרגאַלעס, 212 וועסט 35טע סטריט.

אין אַלגעמיין קאָן מען זאָגען, אַז וואָס אַנבאַלאַנגט די קלאָוק דזשאָבערס שיינט עס, דאָס די אַסאָסיאיישאָן הייזער אַזוי גוט ווי די אינדעפּענדענטס. זוכען צו מאַכען זייער ארבייט אין יוניאָן שעפּער. עס זיינען בלויז דאָ א קליינע צאָהל אויסנאַהמען, וואָס זוכען בכיון צו מאַכען זייער ארבייט אין ניט יוניאָן שעפּער.

צום שלוס דאַרף דאָ געזאָגט ווערען, דאָס מיט איין פירמע, דוברוו און גאַרדאַן, פון 40 וועסט 27טע סטריט, האָבען מיר געמוזט לערנען די פרשה בלק... די פירמע האָט געבראָכען דעם אַגרימענט, ארויסשיקענדיג ארבייט אין ניט יוניאָן־שעפּער און זי האָט באַקומען איהר שטראָף. מיר האָבען איהר געמאַכט פאַר אויס יוניאָן פירמע און זי האָט אַזוי נאָך פאַרלאָרען די 7 הונדערט דאָלאַר וואָס זי האָט געהאַט אין דער יוניאָן אַלס סעקיוריטי.

דרעס אָפּטיילונג.

און איצט קומען מיר צום דרעס אָפּטיילונג פון דעם דעפּאַרטמענט.

א חוץ די געוועהנליכע קאָמפּליינטס וואָס ווערען כסדר אַטענדעט, איז אין דער דרעס אינדוסטריע לעצטענס געמאַכט געוואָרען א באַזונדער „דרייוו" און עס פרייט מיר צו קאָנען באַריכטען, דאָס מיר האָבען א סך אויפגעטאָן.

דער צוועק פון דעם „דרייוו" אין דער דרעס אינדוסטריע איז געווען צו יוניאָניזירען אַזוי פיל דזשאָבערס און שעפּער ווי פיל עס איז נאָר מעגליך, און מיר קאָנען זאָגען דאָס עס האָט געבראַכט גוטע רעזולטאַטען.

עס דאַרף דאָ געזאָגט ווערען אַז די דרעס דזשאָבערס האָבען געטאָן אייניגעס אונז צו שטערען אין דער ארבייט. די מעהרסטע פון זיי האָבען געזוכט פון אונז צו באַהאַלטען די ניט־יוניאָן־שעפּער אין טרייד. א סך פון זיי האָבען זאָגאַר געהאַט צוויי באַזונדערע סעטס ביכער, א סעט פאַר די יוניאָן שעפּער וואו זיי שיקען ארבייט און א צווייטען סעט פאַר די ניט יוניאָן שעפּער.

די אונטערזוכונג פון די ביכער, אי פון די דזשאָבערס, אי פון די קאָנטראַקטאָרס, איז געמאַכט געוואָרען פון מר. נייטהען פ. וואָלף, דער אינטערנעישאָנאַל אודיטאָר און זיין סטאַף פון אַקאַונטענטס, און ער האָט געמאַכט א זעהר גוטען דזשאָב. ער האָט ניט געזשאַלעוועט קיין צייט און קיין מיה, צו באַקומען דעם געוואונשטען רעזולטאַט. ווי שוין פריהער באַמערקט, האָבען די דזשאָבערס געלייגט שטיינער אין וועג מיר זאָלען געשטרויכעלט ווערען, און א דאַנק די טאַקטפולע האַלטונג פון מר. וואָלף און זיין סטאַף, איז אונז דאָך געלונגען צו באַקומען די געווינשטע אינפאָרמאַציע.

רעזולטאַטען פון דעם „דרייוו".

מיר האָבען געסעטעלט מיט 43 נייע דזשאָבערס, 19 אַסאָסיאיישאָן דזשאָבערס און 24 אינדעפּענדענטס.

זיינט נאָך דעם: מיר האָבען אויסגעפונען, דאָס 10 דרעס־דזשאָבערס וואָס האָבען אַגרימענטס מיט דער יוניאָן האָבען אין דער זעלבער צייט אָנגעהאַלטען ניט־יוניאָן דרעס דעפּאַרטמענטס און דער רעזולטאַט פון'ם „דרייוו" איז, דאָס זייערע דרעס דעפּאַרטמענטס זיינען געבראַכט געוואָרען אונטער'ן קאָנטראָל פון דער יוניאָן. מיר האָבען גערעכענט, אַז דאָס גרייכסטע וואָלט זיין ניט צו מאַכען מיט זיי באַזונדערע אַגרימענטס פאַר זייערע דרעס דעפּאַרטמענטס און מיר האָבען ליבערשט אויסגעשטעלט די דרעס דעפּאַרטמענטס פון יענע שעפּער אונטער'ן זעלבען קאָנטראָל און אונטער דעם זעלבען אַגרימענט ווי די קלאָוק־דעפּאַרטמענטס.

דער „דרייוו" האָט זיך באַצויגען ניט אויף דזשאָבערס אַליין. עס האָט אויך אָנגערירט די מאַנופעקטשורערס פון דער דרעס־אינדוסטריע. אָבער די שעפּער פון די מאַנופעקטשורערס זיינען געסעטעלט געוואָרען דורך די אַנדערע אָפּיסעס און דעפּאַרטמענטס פון אונזער יוניאָן, און לויט דעם רעפּאָרט פון אונזער אודיטאָר זיינען 97 שעפּער יוניאָניזירט געוואָרען, — ביז דער צייט ווען דער רעפּאָרט ווערט געשריבען. 51 פון די שעפּער האָבען זיך אָנגעשלאָסען אין דער דרעס קאָנטראַקטאָרס אַסס'ן און 46 האָבען אונטערגעשריבען אינדעפּענדענט אַגרימענטס. און איצטער זיינען מיר פאַרנומען צו יוניאָניזירען די שעפּער פון די קאָנטראַקטאָרס וואָס ארבייטען פאַר די יוניאָן דזשאָבערס.

אַלס רעזולטאַט פון דער אונטערזוכונג, האָבען מיר געמאַכט קלאַגען געגען 13 אַסאָסיאיישאָן דזשאָבערס, פאַר פאַרלעצען דעם אַגרימענט, און מאַנכע פון זיי זיינען שוין באַשטראָפט געוואָרען, און צו ברענגען זיי צו פאַראַנטוואָרטליכקייט. דאָס זיינען די פאָלגענדע פירמען:

ס. ה. ד. ראַבינס — באַשטראָפט מיט 500 דאָלאַר.

ראָיאַל דרעס קאָ. — באַשטראָפט מיט 500 דאָלאַר.

מאַריי שולמאַן און דעסאָו — באַשטראָפט מיט 1,000 דאָלאַר.

ד. שוסטאַק — באַשטראָפט מיט 300 דאָלאַר.

זיידעוויץ און ראַפּאַפּאָרט — באַשטראָפט מיט 500 דאָלאַר.

סיימאָן קאָסטיום קאָ. — באַשטראָפט מיט 250 דאָלאַר.

בעני ווייזען — באַשטראָפט מיט 1,000 דאָלאַר.

די מאָנאַרק דרעס קאָ. איז אָפּגעקומען מיט דעם, וואָס זי האָט איינגעלעגט ביי דר. הענרי מאָסקאָוויטש א טשעק סעקיוריטי פון 5,000 דאָלאַר, דאָס זי וועט מעהר ניט האָבען צו טאָן מיט קיינע ניט־יוניאָן שעפּער.

נאָך פינף פון אַט די קייסעס דאַרפען אַדזשאַסטעד ווערען.

צום שלוס וויל איך זאָגען, דאָס אין דער צייט פון'ם „דרייוו" האָט דער דזשאָבערס דעפּאַרטמענט באַקומען די פולע קאָאָפּעראַציע און מיטהילף פון

(שלוס אויף זייט 12).

די ווירקונג פון קליידער

(פעליעטאָן)

פון ז. וואָהילער

— דער ענגלישער שריפטשטעלער טאָמאַס קאַרלייל האָט אין זיין בוך „סאַרטאָר ראַסאַרטוס" זיך שטאַרק געוואונדערט ווי אַזוי עס איז מעגליך אַז עס זאָל נאָך ניט געשריבען ווערען וועגען דער פילאָזאָפיע און געשיכטע פון קליידער אין א צייט ווען די קולטור און די וויסענשאַפט האָט דערגרייכט אַזאַ הויכע מדרגה.

זיין פרייד איז דעריבער געווען אָהן א גרענעץ ווען עס איז ערשינען דער בוך „די אָפּשטאַמונג און ווירקונג פון קליידער", פון פּראָפעסאָר טייפעלסדראַק, פון ווייססניכטסוואָ, ארויסגעגעבען פון שטיל־שווייגען און קאָמפּאַניע.

קאַרלייל האָט דאָס צוגעשריבען אויפ'ן חשבון פון דעם דייטשען אַבסטראַקט־פילאָזאָפישען דענקען. בעת אַלע אַנדערע פעלקער זיינען געווען פאַרנומען מיט רעוואָלוציעס און מיט פּראַקטישע וויסענשאַפטען, איז זיך געזעסען רוהיג דער דייטשער פּראָפעסאָר און פאַרפאַסט דאָס ווערק וועגען קליידער.

דאָס אַלץ איז זיך פאַרבליבען טאַקע ניט מעהר ווי אַבסטראַקטע פילאָזאָפיע, ביז די פּראַקטישע אַמעריקא האָט אָנגעצייכענט א נייע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט — די עפּאָכע פון שעהנע קליידער.

די צוקונפטיגע פּראָלעטאַרישע קולטור וועט באַצייכענען די דריי עפּאָכען אין דער סאָציאַליזאַציע אַלס 1) די עפּאָכע פון צוזאַמענהאַלטען דעם גוף מיט דער נשמה, 2) די עפּאָכע פון דעם „פול דינער פּעיל", ד. ה. פון דער פולער שיסעל, און 3) די עפּאָכע פון שעהנע קליידער.

די לעצטע, די עפּאָכע פון שעהנע קליידער, וועט באַצייכענט ווערען אַלס דער לעצטער און שעהנסטער קאַמף אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט, דאָס הייסט, פון דעם פּראָלעטאַריאַט.

ווען די באַהן־ארבייטער האָבען לעצטענס ארויסגעשטעלט די פאָדערונג: דריי פאַר זיידענע זאָקען פאַר דער פרוי — איז דאָס געווען אין אָנפאַנג מיט דער איצטיגער עפּאָכע פון קלאַסען־קאַמף.

— קליידער מאַכען מענשען — זאָגט א פאָלקס ווערטעל, און דער ארבייטער וויל זיין א מענש מיט מענשען גלייך.

אַז עס איז ניט בלויז א קאַפּריז פון מאַנכע ארבייטער, באַווייזט דער פאַקט וואָס אַפילו די באַלעבאַטים האָבען אָנגעהויבען אָנערקענען דעם שייכות צווישען גוטע ארבייטער און שעהנע קליידער.

מען האָט אַלץ געדענקט, און מען האָט אונז געוואָלט איינרעדען, אַז דער מאַנגעל אין גוטע מעכאַניקער נעהמט זיך דערפון וואָס די ארבייטער האָבען זיך איינגעשלאָסען אין יוניאָנס און לאָזען ניט צו קיין נייע ארבייטער צו די טריידס. וויפיל וויצען און קללות זיינען עס ניט געפלויגען אויף דעם חשבון פון די בריקלייערס, קאַרפּענטערס, פּלאָמבערס און אַנדערע ארבייטער פון די בילדינג טריידס, פאַר זייער זיין אַזעלכע מיוחסים.

קומט אָבער איצט ארויס איינער פון די באַלעבאַטים פון דעם בילדינג טרייד און זאָגט אויס דעם סוד אַז דער מאַנגעל אין מעכאַניקער נעהמט זיך דערפון וואָס דער עולם וויל ניט ארומגעהן אין קיין פאַרשמירטע קליידער.

דער דאָזיגער בילדער, ע. י. מעהרען, פון ניו יאָרק, דערקלעהרט דעם געדאַנק אַזוי: דער אמת'ער בעל מלאכה איז א מענש מיט פעהיגקייטען און מיט געפיהלען, און זיין זעלבסט־רעספּעקט ליידט דערפון וואָס ער דאַרף געהן איבער דער גאַס, אָדער פאָהרען אין א קאַר, מיט פאַרשמירטע קליידער. אין דער איצטיגער צייט, ווען מענשען ווערען באַהאַנדעלט לויט זייערע קליידער וואָס זיי טראָגען, ווילט זיך קיינעם ניט זיך ווייזען צווישען מענשען ניט קיין אָפּגעוואַשענער און ניט קיין אָנגעטאָנענער.

און מר. מעהרען האָט פאָרגעשלאָגען ביים קאָנגרעס פון די בילדינג טריידס אַז די בילדערס זאָלען איינפיהרען אויף יעדען דזשאָב א פּלאַץ וואו די ארבייטער זאָלען קאָנען זיך איבערטאָן און זיך איינוואַשען, כדי אַז ווען זיי וועלען קומען צווישען מענשען זאָלען זיי ניט דאַרפען זיך פיהלען ערנידריגט געגען זייערע שכנים. דער דאָזיגער מיטעל, גלויבט ער, וועט צוציהען א סך גוטע בעלי מלאכות צו די טריידס, וועלכע מיידען איצט אויס די טריידס, ווייל זיי ווילען ניט ארומגעהן אין קיין אויסגעשמירטע קליידער.

און פאַרוואָס זאָל מען טאַקע דערקענען נאָך די קליידער נאָך אַז דער איז א בריקלייער און דער א פּיינטער און דער א פּלאָמבער? דערקענט מען עפּעס א סך אַן אונטערשייד צווישען א לאָיער און א קלאָוקס אָפּרייטער?...

די שניידער יוניאָנס וועלען געוויס באַגריסען דעם קאַמף פון די פּראָלעטאַריער פאַר שעהנע קליידער. וועה, וועה, זיי וועלען דערצו געוויס ניט דערלויגען...

זייענס האַלט פון דער שעהנער מדה צו באַלויגען זייגע פריינד. עס קען זיין, אַז דאָס איז דער סוד פון זיין ערפאָלג אין לעבען. פון נעהמט זיך א ביישפּיל פון איהם, גוטע מענשען.

קאַרל קאַוטסקי

צו זיין זיבעציגסטען געבורטסטאָג

פון י. ק.

דעם 16טען אָקטאָבער איז קאַרל קאַוטסקי אַלט געוואָרען 70 יאָהר. מיליאָנען ארבייטער האָבען געפייערט אָט דעם טאָג אַלס יום-טוב, וואָרום א פּערזענליכער יובל אין קאַוטסקי'ס לעבען באַלאַנגט דעם ארבייטער קלאַס אַזוי, ווי קאַוטסקי'ס גאַנצע פּערזענליכקייט. פאַרוואַקסען איז ער מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אַלס קעמפּער און וועגווייזער פון איהרע ערשטע באַוואוסטזיניגע טריט אָן. אין דעם טינקעלען כאַאָס פון איינצעלנע פעריאָדען אין דער צייט-געשיכטע, וועלכע ער האָט ביז איצט דורכגעלעבט, האָט קאַוטסקי שטענדיג זיך באַוויזען אַלס שאַרפער היסטאָרישער קריטיקער און אַלס אינערמידליכער לעהרער פון דער מאַרקסיסטישער תורה און קיינמאָל האָט איהם נישט געפעלט דער כח און די גייסטיגע קלאָרקייט אָנצואַווייזען זיין קלאַס אויף די באַהאַלטענע כחות, וואָס שמידען די צוקונפט פון סאָציאַליזם אינמיטען פלאַ-עהרדיגען פייער פון דער רעאַקציע.

דער גייסטיגער יורש פון קאַרל מאַרקס — דאָס איז קאַרל קאַוטסקי.

אין א דאָפּעלטען זין פאַרדינט ער אָט דעם נאָמען: קאַוטסקי האָט פאַרשפּרייט די אידעע פון מאַרקסיזם, פאַרטיפט זי אין די מוחות פון ארבייטער קלאַס, און קאַוטסקי האָט ווייטער אַנטוויקעלט די מאַרקסיסטישע אידעע, מיט מאַרקסיסטיש-היסטאָרישער באַטראַכטונג אויסגעפאָרשט פאַרגאַנגענע צייטען און קריטיש אַנאַליזירט פּראָבלעמען פון דער געגענוואַרט.

וואָס ס'אַנבאַלאַנגט די ערשטע זייט פון קאַוטסקי'ס לעבענס-ארבייט: די פאַרשפּרייטונג פון דער מאַרקסיסטישער אידעע, מוז מען זאָגען, אַז קאַוטסקי'ס אויפטו פאַר'ן מאַרקסיזם איז אפשר נישט קלענער ווי דאָס פאַרדינסט פון דעם, וואָס האָט זי אַנטדעקט און באַשאַפען, פון קאַרל מאַרקס'ען אַליין.

מאַרקס איז צווישען די פילאָזאָפען געווען דער ערשטער, וועלכער האָט אָנגעשריבען זיינע געדאַנקען פאַר'ן ארבייטער-קלאַס, נישט כדי איהם צו באַגליקען מיט א בעסער לעבען, נאָר כדי איהם צו ווייזען זיין אייגענעם כח, אַז ער זאָל זיך אַליין באַפרייען. ער האָט עס דערזעהן אַלס ערשטער, אַז די באַפרייאונג פונ'ם ארבייטער-קלאַס קאָן נאָר זיין אַן אויפטו פונ'ם באַוואוסטזיניגען ארבייטער-קלאַס גופא. באַוואוסט מאַכען זיינע אידעען אין ארבייטער קלאַס האָט געמוזט ווערען זיין וויכטיגסטע שטרעבונג. אָבער אפשר דריקט זיך אויס אין אָט דעם פאַקט די גאַנצע טראַגיק פון דעם קולטורעלען מצב פונ'ם ארבייטער קלאַס, אַז ביז צום היינטיגען טאָג זיינען די הויפּט ווערק פון קאַרל-מאַרקס'ען פאַרשלאָסען געבליבען די מאַסען פון פּראָלעטאַריאַט. אפילו איינצעלנע, באַזונדערס אינטעליגענטע ארבייטער קאָנען נאָר שווער נאָכפאָלגען דעם געוואַלדיגען ליכט, וואָס ווערט אריינגעטראָגען אין די פאַרבאָרגענסטע אָדערען און נערוועען פונ'ם קאַפּיטאַליסטישען ווערט-קערפּער אין דעם הויפּט ווערק פון מאַרקס'ען „דאָס קאַפּיטאַל". דער מאַרקסיזם אין די ווערק פון מאַרקס'ען גופא וואָלטען געבליבען א פילאָזאָפיע פאַר אויסדערוועהלטע אינטעליגענטען און, ווי דער שטייגער איז, מייסטענטיילס פאַר בורזשואזע אינטעליגענטען, וועלכע וואָלטען זיך אפשר א סך גע'חבר'נט וועגען דער פּראָלעטאַרישער פילאָזאָפיע אין די אוניווערזיטעטען, אָבער אין די ברייטע מאַסען פון ארבייטער קלאַס וואָלט די גרויסע רעוואָלוציאָנערע תורה איבער וויסענשאַפט נישט אריינגעדרונגען.

איז געקומען קאַרל קאַוטסקי און האָט די ירושה פון מאַרקס'ען נאָכאַמאָל איבערגעשאַפען, אויסגעדריקט די נייע געדאַנקען מיט אַנדערע ווערטער, איבערגעגעבען די רעוואָלוציאָנערע אידעען דעם ארבייטער-קלאַס אין א פּאָפּולערען פאַרשטענדליכען לשון. ערשט אָט די פּאָפּולאַריזאַציע האָט געבראַכט צו דער פאַרשפּרייטונג פון דער מאַרקסיסטישער וויסענשאַפט אין די ברייטסטע פאָלקס-מאַסען, פון די אייגענטליכע האַנט-ארבייטער ביז ארויף צו די ברייטע קרייזען פון די אינטעליגענטען, וואָס האָבען מיט קאַוטסקי'ס שריפטען באַרייכערט זייער פאַרבילדונג, כדי צו קאָנען צוטרעטען צו מאַרקס'ען אַליין.

אַזוי איז קאַרל מאַרקס פאַר די מאַסען פונ'ם פּראָלעטאַריאַט נאָך איינמאָל געבוירען געוואָרען אין דער פעדער פון קאַרל קאַוטסקי'ן. „די עקאָנאָמישע לעהרען פון קאַרל מאַרקס", „דער ערפורטער פּראָגראַם" א. א. וו., אָט די פּאָפּולאַריזירטע שריפטען פונ'ם מאַרקסיזם זיינען פונדאַמענטאַל-ווערק געוואָרען פונ'ם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם מיט דער גרעסטער ווירקונג אויף די מאַסען.

פון א נישט קלענערער באַדייטונג זיינען אָבער קאַוטסקי'ס זעלבסטשטענדיגע היסטאָרישע פאָרשונגען, מיט וועלכע ס'איז ווייטער אַנטוויקעלט געוואָרען דער מאַרקסיזם נאָך מאַרקס'ען. די ירושה פון מאַרקס'ען און ענגעלסען, אַז „די ביז איצטיגע מענשליכע געשיכטע איז א געשיכטע פון קלאַסען-קאַמפען" — אָט דער גרונטשטיין פון דער מאַרקסיסטישער באַטראַכטונג פון דער געשיכטע וואָלט געבליבען אַן אַקסיאָמע, א דאָגמע, אויב עס וואָלט געפעהלט נאָך מאַרקס'ען דער מאַרקסיסטישער היסטאָרישער פאָרשער. האָט קאַוטסקי אויפגעדעקט דעם שלייער פון דער פאַרגאַנגענהייט און געוויזען דעם קאַמף פון מאַטעריאַליסטישע קלאַסען-געגענזאַצען דאָרט, וואו די אַלטע געשיכטס-לעהרער האָבען געזעהן וועגען הויכע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע אידעאַלען. זיינע באַטראַכטונגען וועגען „אור-קריסטנטום", זיינע „פאָרלויפער פונ'ם מאָדערנעם סאָציאַליזם" ווערען תמיד באַלאַנגען צו די באַדייטענדסטע ווערק פון דער סאָציאַליסטישער וויסענשאַפט.

נאָך מעהר ווי אין די היסטאָרישע ווערק וועגען דער פאַרגאַנגענהייט איז די זעלבסטשטענדיגע ווייטער-אַנטוויקלונג פונ'ם מאַרקסיזם צו זעהן אין די ווערק וועגען דער אַנטוויקלונג צום סאָציאַליזם.

אויב מאַרקס האָט פאָראויסגעזעהן די אַנטוויקלונג פונ'ם קאַפּיטאַליזם צום סאָציאַליזם, האָט ער אָבער דאָך נישט געקאָנט פאָראויסזעהן ביז אין די דעטאַלען יעדע תקופה פון דער ווירטשאַפטליכער אָרדנונג אין לויף פון צעהנדליגער יאָהרען און די לאַגע פונ'ם ארבייטער-קלאַס אין יעדער פון די דאָזיגע תקופות. קאַוטסקי האָט געוויזען די איבערגאַנג-עטאַפּען צום סאָציאַליזם. זיינע ווערק „דער וועג צו דער מאַכט" און „די סאָציאַלע רעוואָלוציע" פאַרדינען אויסגעשטעלט צו ווערען תיכף נאָך דעם „קאָמוניסטישען מאַניפעסט".

די פּראָבלעמען פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וואָס זיינען אויפגעשוואוּמען פאַר'ן טעגליכען קאַמף פונ'ם פּראָלעטאַריאַט נאָכ'ן צוזאַמענברוך פון דער וועלט-מלחמה, האָבען קאַוטסקי'ן אַוועקגעשטעלט אינמיטען ברען פון קאַמף.

קאַוטסקי און לענין — צוויי גאונים פון דער מאַרקסיסטישער וויסענשאַפט — האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען אין פּלאַקערנדיגען פייער פון דער רעוואָלוציע. שריפטען און געגען-שריפטען האָבען באַלד באַשעפטיגט אַלע דענקענדיגע פּראָלעטאַרישע מוחות. נישט פאַר און געגען מאַרקס'ען האָט זיך געפיהרט די פּאָלעמיק, ווי אַמאָל אין אַלטע צייטען, נאָר ארום דער אויסטייטשונג פון דעם, וואָס מאַרקס האָט געזאָגט, ארום דער אויפפאַסונג פון די ווערטער און באַגריפען, וועלכע ער האָט געשאַפען פאַר'ן פּראָלעטאַרישען קאַמף — ארום דער טייטש פון דעם באַגריף „פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור", אין דער ערשטער רייהע, ארום דער פּראַקטישער אַנווענדונג פון דעם דאָקטרינען מאַרקסיזם אין דער רעוואָלוציאָנערער ווירקליכקייט.

די ליטעראַטור וואָס איז געשריבען געוואָרען אין אָט דעם בלוטיגען מיינונגס קאַמף, מיט לענין און קאַוטסקי אַלס איהרע פּראָמינענטסטע פאַרטרעטער, באַלאַנגט געוויס צו דער באַדייטענדסטער ליטעראַטור פון דער רעוואָלוציאָנערער צייט. און באַזונדערען מוז מען קאַוטסקי'ס שריפטען קודם כל אין זייער פאָרם. לענין, וועלכער האָט געשריבען אין קאָכענדיגען, ברענענדיגען רוסלאַנד מיט זיין העלדישער רויטער ארמיי, האָט קאַוטסקי'ן געשלאָגען ממש מיט די פויסטען פון א „קראַסנאַ-גוואַרדייטשיק", די ווערטער „רענעגאַט, פאַררעטער, פאַרקויפטער" א. א. וו. חזר'ען זיך איבער צעהנמאָל אויף יעדען זייטעל. בכלל איז עס געווען לענינ'ס טאַקטיק, זיך נישט אָפּצושטעלען פאַר קיין שום אָנגריף אויפ'ן טעאָרעטישען געגנערס פּערזענליכקייט, כדי איהם צו פאַר'מיאוס'ען אין די אויגען פון די מאַסען. אין זיין ענטפער-שריפטען האָט אָבער קאַוטסקי קיינמאָל נישט אין אכט גענומען לענינ'ס פּערזענליכע אָנגריפען, ער האָט אויפגעקליבען לענינ'ס שאַרפע וויסענשאַפטליכע ארגומענטען און האָט אויף זיי געענטפערט מיט א רוהיגער, קאַלטער זאַכליכקייט.

דער מיינונגס-קאַמף אין סאָציאַליסטישען לאַגער האָט נאָך לאַנג נישט אויפגעהערט, אויסטייטשענדיג דעם מאַרקסיזם דערגעהט מען נאָך אַלץ צו קאַוטסקי'ן און צו — לענין. און ווען מאַרקס אַליין וואָלט געלעבט?! קאַוטסקי האָט געזאָגט דאָס אמת'ע וואָרט, אַז מען טאָר נישט זוכען אויף אַלץ, וואָס ס'קומט פאָר א בפירוש'ן ענטפער ביי מאַרקס'ן, ווייל מאַרקס האָט נישט געקאָנט פאָראויסזעהן, ווי א נביא, יעדע פאַזע פונ'ם צוקונפטיגען קאַמף... לענין איז טויט און קאַוטסקי איז — אַלט! א טרויעריגער יובל איז דער זיבעציגסטער געבורטסטאָג. לענין איז געשטאָרבען מיט'ן באַוואוסטזיין אין הארצען, אַז זיין וועג צום סאָציאַליזם איז דער ריכטיגער, הגם ער האָט באַגעגענט אַזויפיל דערנער און שטרויכלונגען אויפ'ן וועג. זאָל לעבען דער 70 יאָהריגער קאַוטסקי כמעט נאָך אַזוי לאַנג, ביז די געשיכטע אַליין וועט איבערמישען דאָס בלעטעל איבער'ן מיינונגס-קאַמף אין פּראָלעטאַרישען לאַגער, ביז אַלע באַוואוסטזיניגע פּראָלעטאַריער וועלען זיך אויפ'סניי פאַראייניגען אין איין אינטערנאַציאָנאַל. אָט דאָס געשעהעניש באַטראַכט ער געוויס אַלס דאָס גרעסטע גליק, וואָס ער קאָן נאָך דערוואַרטען אין לעבען און פון טיפען האַרצען ווינשען איהם אַלע דאָס דאָזיגע גליק!

(אויס דאָס נייע לעבען).

קורץ און שאַרף

פון י. ב. ג.

א גרויסען וואָרט האָט סעמועל גאָמפּערס אַרויסגערעדט אין זיין באַגריסונג צו די דעלעגאַטען פון דער א. פ. אָוו ל. קאָנווענשאַן, ווען ער האָט געזאָגט: „קיין דויערהאַפטער געווינס איז ווען-עס-איז אַרויסגעקומען פון צוואַנג". די ארבייטער-באַוועגונג וועט נאָך מוזען א שעהן ביסעל לערנען, ביז זי וועט ווירקליך ווערען דורכגעדרונגען פון דעם גרויסען פּרינציפּ, פון דעם „ווינקעלשטיין", ווי גאָמפּערס האָט זיך אויסגעדריקט, פון וואָלונטאַריזם.

וואָס פאַר א ריהרענדער אַנבליק דאָס האָט געמוזט זיין, ווען די ארבייטער-פאַרשטעהער פון פינף נאַציאָנען, פון אַמעריקא, קאַנאַדע, ענגלאַנד, דייטשלאַנד און מעקסיקאָ האָבען דעמאָנסטראַטיוו דערלאַנגט זיך די הענד. דערמיט האָבען די פאַרשטעהער פון 14 מיליאָן ארבייטער שטאַרקער, איינדרוקספולער, ווי אימיצער האָט עס געקאָנט אויסדריקען דורך א וואָרט, דעמאָנסטרירט זייער פעסטען שטאַנד פאַר פרידען אין דער וועלט, פאַר א סוף צו מלחמות, און די טרעהרען, וואָס האָבען גערונען פון די אויגען פון אַלטען גאָמפּערס, זיינען געווען זיכער טרעהרען פון פרייד, און, ווער ווייס, אויב אויך ניט פון חרטה...

אין זיין ערעפענונגס-רעדע האָט גאָמפּערס געגעבען אַנצוהערעניש, אַז ער האַלט ביים צוריקציהען זיך פון זיין גרויסער לעבענס-ארבייט, אַז ער מוז איבערגעבען צו אַנדערע פאָרטצוזעצען זיין לעבענס-ארבייט. לאָמיר האָפען, אַז די ארבייט וועט איבערגעגעבען ווערען, לכל הפחות, אין אַזעלכע עהרליכע הענד, ווייל אַזעלכע פעהיגע הענד, ווי די פון גאָמפּערס, זעהען מיר דערווייל ניט צווישען די 400 פאַרזאַמעלטע דעלעגאַטען אויף דער א. פ. אָוו ל. קאָנווענשאַן.

עס קען זיין, אַז עס איז געווען א גאַנץ קלוגע, טאַקטישע האַנדלונג פון דער זייט פון גאָמפּערס'ן צו צוטיילען אַזוי פיל כבוד צו דזשאָהן סאַליוואַן, וועלכער האָט אין דער לעצטער מינוט אַריינגעשטאָכען א מעסער אין דעם רוקען פון דעם לאַפאָלעט-קאַמפּיין: עס קען זיין, אַז גאָמפּערס האָט דערמיט געוואָלט דעמאָנסטרירען די איינינקייט פון דער ארבייטער-באַוועגונג, טראָץ פּאָליטישע אונטערשיידונגען. אָבער איך מוז זאָגען, אַז די דאָזיגע האַנדלונג איז מיר גאָרניט צום האַרצען. אַזאַ האַנדלונג, מעג זי זיין פּאָליטיש ווי קלוג, איז אָבער דאָך כמעט ווי א פּרעמיום פאַר פאַרראַט.

נאָר פונדעסטוועגען גלויב איך ניט, אַז מיט גאָמפּערס'עס האַנדלונג בנוגע צו סאַליוואַן איז שוין די פראַגע געלייזט, און דאָס זי וועט גאָרניט פאַרגעבראַכט ווערען פאַר דער קאָנווענשאַן, ווי דאָס גלויבט דער קאָרעספּאָנדענט פון דער „וואָירלד". אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער אופן וועט די פראַגע פון אומאָפּהענגיגער פּאָליטישער טעטיגקייט געוויס פאַרגעבראַכט ווערען, און עס וועט ווירקליך אינטערעסאַנט זיין צו הערען, וואָס די מעהרסטע דעלעגאַטען דענקען און פיהלען וועגען דעם נייעם שריט אין דער ארבייטער-באַוועגונג.

אויב דער באַריכט, דאָס דער קאָמוניסטישער טיקעט האָט אין דעם לעצטען פּרעזידענטשאַל קאַמפּיין געצויגען 25 טויזענט וואָוטס, איז ניט אַביסעל מגזם, אויב דער באַריכט איז ווירקליך אמת, דאַן איז דאָך דער קאָמוניזם ווירקליך א גרויסע געפאַהר פאַר'ן לאַנד. פאַרגעסט ניט, אַז לויט דעם וואָס קומט אויס אויף יעדען שטאַאַט פון די פאַראייניגטע שטאַטען ארום [illegible] קאָמוניסטען. איז דאָס ווירקליך ניט שרעקליך? און זיינען ניט די אויסזיכטען. דאָס באַלד, באַלד וועט פלאַטערן דער רויטער פאָן פון ווייסען הויז אין וואַשינגטאָן, און דאָס קוליזש'עס פּלאַץ וועט באַלד פאַרנעהמען אַן אַמעריקאַנער לענין, ווירקליך ניט גלענצענד-מורא'דיגע?

דער ארבייטער גן-עדן אין רוסלאַנד, ווי די איבערגעגעבענע פריינד פון דער סאָוועט-רעגירונג האָבען זיך ליב אויסצודריקען, קען אַם בעסטען און אַם קלאָרסטען געשילדערט ווערען אין פאָלגענדע ציפערען, וועלכע זיינען דער וויידזש-סקייל פון אַלע סאָרטען ארבייטער, וואָס די סאָוועט-רעגירונג האָט אָנגענומען אין דער לעצטער צייט. און מערקט אויף, דאָס איז דער מאַקסימום-סקייל פאַר די כמעט בעסטע ארבייטער: א בעקער קריגט 14 דאָל. דעם מאָנאַט, א באַרבער — 10 ד. דעם מאָנאַט, א קאַרפּענטער — 14 ד., א קוכער 13, א כליב-וואַשער — 8 ד., א האָפּעליוש-מאַכער — 13, א פּראָסטער ארבייטער — 8 ד., א וועש-וואַשערין — 8 דאָל., א דרעסמייקערין — 9 דאָל., א שניידער — 13 ד., און אַזוי ווייטער. אום צו זיין גערעכט צו דער סאָוועט-רעגירונג, מוז דאָ געזאָגט ווערען, אַז איך האָב דאָ אָנגעגעבען בלויז די צאָהל דאָלאַרס, און אויסגעלאָזען די פּאָר סענט, וואָס זיי קריגען נאָך דערצו. נאָר איהר קענט דאָך מיינען, אַז אין רוסלאַנד איז אַלעס אַזוי וואָלוועל, דאָס א דאָלאַר אין רוסלאַנד קויפט אַזוי פיל, וויפיל 20 דאָלאַר אין אַמעריקא. איז די מעשה פונקט קאַפּויער. אַ איינפאַכער סוט קאָסט 100 דאָל., א פּאָר שיך 20 דאָל. און פונקט אַזוי טייער איז עסענוואַרג. בקיצור, אַן אמת'ער ארבייטער גן-עדן.

עמאַ גאָלדמאַן, לויט באַריכטען אין די צייטונגען, איז גאַנץ שעהן אויפגענומען געוואָרען פון דער סאָמע פּראָגרעסיווסטען און דענקענדען טייל פון ענגלאַנד. עס איז פאַראַנשטאַלטעט געוואָרען צו איהר כבוד א באַנקעט, אויף וועלכען עס האָבען איהר באַגריסט אַזעלכע פּראָמינענטע מענשען, ווי בערטראַנד ראַסעל, און פילע אַנדערע. אין איהר רעדע האָט זי ערקלערט, דאָס די אַמעריקאַנער רעגירונג איז געווען ביים באַרייט איהר צו ערלויבען צוריק צו קומען נאָך אַמעריקא נאָר אויף געוויסע תנאים. זי האָט אָבער ניט דערצעהלט, וואָס פאַר א באַדינגונגען מען האָט איהר געשטעלט. וואָס דאָס איז ווירקליך א שאָד. דאָס אינטערעסאַנטסטע האָט זי פאַרפעהלט אויסצוזאָגען.

אונזער אַריסטאָקראַטיע איז שוין אויפגעטרייסעלט פון א נייער סענסאַציע. אַן אַריסטאָקראַטישער בחור האָט חתונה געהאַט מיט א גאַנץ פּלעבעאישער מיידעל. איהר טאַטע, אַך, וועה געשעהן, איז א פּיטסבורגער טעקסי-דרייווער. באַלד, באַלד, און עס וועט ניט בלייבען קיין טראָפּען פון אונזער „בלויער" בלוט אין אַמעריקא.

אַן אַנדער אינטערעסאַנטע בעגעבענהייט איז די ערמאָרדונג פון א באַריהמטען גענגסטער אין שיקאַגאָ פון א געגנערישען גענג. און דאָס זיין לויה איז געווען אַן אמת-קעניגליכע. זיין טרונע האָט געקאָסט 10 טויזענד דאָלאַר. באַגלייט האָבען איהם צו זיין אייביגער רוה טויזענד אויטאָמאָבילען און 26 טראָקס, אָנגעפילט מיט בלומען. די גאַנצע גענגסטער-וועלט איז געווען צו זייער לויה. וואו נאָר א באַנדיט, א מערדער, א האָלד-אַפּניק, איז געקומען איהם אָפּגעבען די לעצטע עהרע. דער ערמאָרדעטער, פאַרשטעהט איהר, איז געווען דער קעניג פון דער אונטערוועלט. לפנים האָט ער געהאַנדעלט מיט בלומען, אָבער זיין פאַרמעגען האָט ער געמאַכט אַלס בוטלעגער. וועדליג דער טשיף אָוו פּאָליס אין שיקאַגאָ דערצעהלט, איז ער געווען דער פאַראַנטוואָרטליכער פון וועניגסטענס 25 מענשען-מאָרדען. אי, וואָרום האָט די פּאָליס איהם געלאָזען אָנגעהן מיט זיין בכבוד'ער ארבייט? בלייבט א קשיא. אָבער, ווי די מעשה איז, אַזאַ לויה, ווי דאָס האָט געהאַט אונזער אונטערוועלט-קעניג, אויף אַלע גוטע און פרומע אידען געזאָגט געוואָרען.

דעם נאָבעל-פּרייז פאַר ליטעראַטור פאַר 1924 האָט געקראָגען דער פּוילישער שריפטשטעלער וולאַדיסלאַוו רעימאָנט. וועלכער, די „פרייע ארבייטער שטימע" האָט שוין מיט יאָהרען צוריק פאַרעפענטליכט איינעם פון זיינע ראָמאַנען, דערקענענדיג די גרויסקייט פון דעם פּוילישען שריפטשטעלער, כאָטש עס מוז דאָ געזאָגט ווערען, אַז זי האָט איהם קיין סענט ניט געגעבען פאַר זיין גרויסען ווערק „דער טרויסער".

וואָס מען זאָל ניט זאָגען וועגען אונזער ניי-ערוועהלטען פּרעזידענט קוליזש, אָבער עס מוז צוגעגעבען ווערען, דאָס ער באַזיצט ביז צו א גאַנץ גרויסען גראַד די שעהנע טוגענד פון דאַנקבאַרקייט. ער האָט ניט געוואַרט לאַנג, אום צו דאַנקען זיין באַשעפער, מר. באַטלער. מר. באַטלער, וואָס האָט איהם נאָמינירט פאַר פּרעזידענט קאַנדידאַט אויף דער רעפּובליקאַנער קאָנווענשאַן און וואָס איז נאָכהער געוואָרען דער הויפּט-מענעדזשער פון זיין קאַמפּיין, האָט שוין געקראָגען זיין באַלוינונג אין „דער געשטאַלט פון א סענאַטאָר'שיפּ. געראַדע האָט געטראָפען פּאַסירען, אַז דער אַלטער סענאַטאָר לאָדזש זאָל שטאַרבען, און דער פּלאַץ אין סענאַט זאָל בלייבען לעדיג. און ווער בילכער, ווי מר. באַטלער? איז ער טאַקע גלייך אויף דעם פאַרלאַנג פון פּרעזידענט קוליזש באַשטימט געוואָרען פון גאַווערנאָר פון מאַסאַטשוזעטס פאַר די נעקסטע צוויי יאָהר, אַלס סענאַטאָר. א שעהנע זאַך פריינדשאַפט, און עס איז פּשוט א פאַרגעניגען צו וויסען, דאָס אונזער פּרעז-

דרעסמאכער
מעמבערס פון לאקאל 22

די פאלגענדע מיטגלידער זיינען נאמינירט געווארען פאר די פארשידענע עמטער פון אונזער לאקאל:

פאר סעקרעטאר־טרעזשורער:

דעקס, עדווארד;
פארטנאי, דזשולייס;
שעהנהאלץ, איזידאר.

פאר קראנקען בענעפיט קאמיטע:

בלאק, וויליאם	לאדנער, סעם
גראנאווסקי, סעם	שערמאן, פרענק
קאמינסקי, מר.	פערלשטיין, פיליפ
ראפאפארט, היימאן	

פאר עקזעקוטיוו באארד:

איבער, דייוו	גרינבערג, מאקס	מעלאמעד, סעם
אווורוצקי, מערי	האלפערן, פוירל	מיכטאן, פאולין
בעגון, סערע	היים, מארים	ניימאן, סיליא
בערנשטיין, סערע	הימעלפארב, וויליאם	ניימאן, סאניא
בלעקמאן, לינא	הירדש, אניוטא	אליזוענסטיין, פעני
בלאק, וויליאם	האכפעלד, מאקס	אלשטיין, מאקס
ברענער, אייב	האפענבערג, איזידאר	פעקער, סעם
קאנעל, איידזק	האראווין, מארים	ראבינאוויץ, איזוע
קענטאר, פעני	האראווין, סאניא	ראבינאוויץ, דזשא
קאסטרעל, בעסי	יאבלאנסקי, מר.	ראפאפארט, היימאן
טשיניין, ראוז	קאלמאן, הערי	ראמאנאף, בעלא
קאהען, דארע	קאמינסקי, אסתר	ראזענבערג, ראוז
קופער, דזשאו	קאלמין, הערי	ראזענפעלד, איזדאער
דזטשין, דארע	קענט, דזשייקאב	ראזענטהאל, לואיס
ענגעלאווין, לואיס	קעץ, מאלי	ראטה, הערי
עפשטיין, פעני	קעמלער, הערי	ראטהענבערג, פעטער
עטקין, סעם	קיסליק, בעסי	ראזנער, דזשייקאב
פארבער, פעני	קאלמאק, מ.	רובין, גאסי
פארבער, מארים	קליין, אאראן	רובין סערע
פארביאש, איזידאר	קאפעקין, מארים	סאפערסטיין, רעי
פיין, מייער	לאסקין, ראוז	שיף, סידני
פאקס, קלארא	לעווין, הערי	שולמאן, פאולין
פרידמאן, איידא	לעווין, הערי	שאפירא, איידע
פרידמאן, מאלי	ליבערבערג, סיידי	שאפירא, פאולין
גאפף, מאקס	ליסס, אלטער	שיינער, סעם
גאלדען, דזשעני	לאבעל, וואולף	שולמאן, פאולין
גאלדבערג, קלארא	לופין, אברהם	סילווער, אייזיק
גאלדבערג, מאקס	לוריע, ס.	סאלקין, ראוז
גאלדבערג, סערע	מארגוליס, משאס.	טארנאפאל, ראוז
גאלדשטיין, דזשאזעף	מארגוליסס, נייטען	טאובער, סעם
גאלאס, פעני	מארקינסאן, פעני	ווײדבערג, דייוו
גאסטינסקי, סיליא	מאטיס, בעני	ווילענסקי, דזשאנעט
גראנאווסקי, סעם	מאלטיסאן, עני	זוקער, ראוז

אלע קאנדידאטען וואס האבען אנגענומען די נאמינײשאן זיינען אויפגעפאדערט צו ערשיינען פאר דער

אבדזשעקשאן קאמיטע פון אונזער לאקאל

וועלכע וועט האבען איהר זיצונג

שבת, דעם 22טען נאוועמבער
9 אזייגער אין דער פריה
אין אפיס פון דער יוניאן.
16 וועסט 21טע סטריט

די, וואס וועלען ניט קומען צו דער דאזיגער קאמיטע וועלען ניט ארויפגעשטעלט ווערען אויפ'ן באלאט.

אלע קאנדידאטען מוזען מיט זיך ברענגען זייערע יוניאן־ביכלאך.

מעמבערס האבענדיג וואס אויסצוזעצען נעגען וועלכען עס איז קאנדידאט זאלען זיך ווענדען צו דער אבדזשעקשאן קאמיטע.

ברודערליך אייערע,

עקזעקוטיוו באורד דרעסמאכער יוניאן
לאקאל 22, א. ל. ג. וו. י.

י. שעהנהאלץ, סעקרעטאר.

פון הנאפע וואס מעמבערס זאל ברענגען ד טויזענד דאלאר א יאהר. אבער אנגענומען, אז דאס איז טאקע אזוי, פרעגען מיר אייך, ווארום האבען די הנאפע וואס מעמבערס דאס צוגעלאזען? ווארום האט איהר, אלס געוועזענער מעמבער, ניט פראטעסטירט? און מיר זאגען, אז שירדינג זיינען די מעמבערס. און איהר וועט קיינמאל ניט האבען קיין בעסערע יוניאן. מעגט איהר בייטען די פיהרער צו מאל א יאהר, אויב די מעמבערשיפ איז אזוי שטומפזיניג און אזוי גלייכגילטיג צו די אינטערעסען פון איהר יוניאן. 2) מיר ווייסען ניט פון אזא פאל, דאס די יוניאן־באאמטע ווערען אפאינטעט, און ניט געוועהלט פון דער מעמבערשיפ. אבער אנגענומען, אז דאס איז ריכטיג און געוויסע פערע שטעמען מיר זיך גאר ניט צו זאגען, אז ניט אין דעם איז דער אינגליק, לויט דעם הנאפען אינטערעס, וואס די גרויסע מעמבערשיפ צייגט ארויס אין די וואהלען פון איהרע באאמטע, און לויט דעם, ווי די וואהלען ווערען געפיהרט, ווייסען מיר ניט, אויב עס איז שוין ניט גלייכער אין פילע פעלע צו אפאינטען מענשען צו זייערע שטעלען, פאר וועלכע עס פאדערען זיך געוויסע קענטניסע און פעהיגקייטען. וועגען פאראנטווארטליכקייט צו דער מאסע קענען מיר נאר זאגען, אז דאס וועט ערשט זיין דאן, ווען די מאסע וועט באווייזען גענוג אינטערעסע צו פאדערען פאראנטווארטליכקייט. און אזוי לאנג, ווי די מעמבערשיפ וועט ניט בעסער, ערליכער צוגעלאזען זיך צו איהר יוניאן, אזוי לאנג ווערען ביי איהר גאנץ אפט שטעהן מענשען, וועלכע פאסען זיך ניט פאר די ראליע פון פיהרער.

ב. רעסלער — יע, מען דארף אונז אנגעוויזען אויף דעם ארטיקעל אין דער „פרייהייט" נאך איידער איהר זיינט געקומען אזוי גוט אונז צוצושיקען דעם אויסשניט, אנפרעגענדיג, וואס מיר האבען צו זאגען אויף דעם. מיר קענען נאר זאגען, אז מיר האבען פון יענע ליטעראריש זשוליקעס ניט ערווארט בעסערס. זיי, די משרתים פון די זינאוויעווס און דזשערזשינסקיס, וועלכע האלטען אין איין ווערגען און שטיקען דאס פרייע ווארט אין רוסלאנד, זיי וועמעס באפעס באדען זיך אין די בלוט פון טויזענטע און טויזענטע נאך דערפאר, ווייל זיי גלויבען, אז דאס רוסישע פאלק טאר ניט באראבירט ווערען פון זיין רעכט צו האנדלען, צו רעדען און צו שרייבען, ווי ער פארשטעהט. זיי קעמפען עס פאר דעמאקראטיע דא אין אונזערע יוניאנס! העט נאך זיין א גרעסערע שענדליכערע היפאקריטישע? און דערפאר ווען די דאזיגע אונפארשעמטע פראסטיטוטען שרייבען „דער היפאקריטישער אידעל ש. יאנאווסקי", ארט עס איהם, ווי די וואנט. גלויבט אונז, יאנאווסקי וואלט זיך געפיהלט העכסט געקרענקט, ווען אט די פעג־באנדיטען, אט די פארדארבענע נשמות וואלטען נאך געהאט איין גוט ווארט צו זאגען וועגען איהם. ניין, די גאנצע פאבשעקע זייערע וועגען אונז ארט אונז, ווי דער פאראפראנייער שרייט. מיר האבען דאס שוין עטליכע מאל געזאגט אין דעם קארנער. און מיר ווילען עס ווידערהאלען דאס די דאזיגע טשעקע־אגענטען רעגען אונזער רעפוטאציע, וואס מיר האבען זיך גענומען מיט א גאנצען לעבען פון ארבייט אין דער ארבייטער־באוועגונג, ניט אויף דאס מינדעסטע האליע טאכען. און קענען זיי עס יע, איז עס דער בעסטער באווייז, אז רעפוטאציע איז פון נאר א קאפעק ווערדע.

ג. זוסמאן — ניין, עס האט נארניט ערנסטעס פאסירט, וואס האט אונז אפגעהאלטען פון צו זיין אנוועזענד ביי דער ערעפענונג פון דעם עדיוקיישאנאל סיזאן לעצטען פרייטאג. אבער מיר האבען פשוט פארגעסען אן דעם. עטוואס, וואס פאסירט מיט אונז זעהר, זעהר זעלטען. ווען מיר האבען זיך דערמאנט, איז שוין געווען צו שפעט. אבער מיר זיינען זיכער, דאס דער אווענד האט מיט זיין ענטוזיאזם און אינטערעסאנטקייט ניט פארשעמט אלע זיינע פארגענגער. יעדענפאלס א דאנק פאר נאכפרעגען, א סימן, אז ווענינסטענס אייך האבען מיר געפעלט.

דוד. — האט ניט קיין מורא, און זייט ניט אזוי נערוועז. געוויס, עס איז נארנים קיין אנגענעמע פאסירונג. אבער אין דער באוועגונג מוז מען אויף אלעס זיין פארבארייטעט. אויך, ווען איהר וועט בלעטערן אין דער געשיכטע פון דעם לאקאל, האט ער שוין איין מאל געמאכט אזא קונץ, וועלכע איז דאן איהם אפגעגאנגען גלאט. אבער דאס מאל וועט עס זיין זיין לעצטע קונץ. באלד, באלד וועט ווידער אלעס זיין אין דער בעסטער ארדנונג. די גאנצע אנגעלעגענהייט איז אין גאנץ פעסטע הענט. אלזא, נים געשראקען זיך, ברודער דוד. די יוניאן איז שוין דאך אזוי געוואוינט צו אלערליי שטורעמס, און מיר געדענקען ווירקליך ניט א מאמענט, ווען עס איז ניט שטורמדיג, אדער ווען עס סטראשעט ניט מיט א שטורם. דעם פרעזידענט'ס אנוועזענהייט איז געווען ניט נויטיג, דארום האט ער פארלאזען ניו יארק פאר די קאנווענשאן פון דער א. פ. אוו ל. אין על פאסא.

...אנזירט אז נעבאפטע קונסט איז טויזענט ...אויסערע איינע שנידע י. ב. ג. וואס האט ...פאר א שטיקער מיט אויף אכט'ע פינסט. ...יס, אז דאס וואס וועט נעזעבען דעם עולם. ...ווייבכט אז די גרעסטע שטערונג צו דער ...פיהרונג פון דער אפטימיסטער דראמע אין א ...ען באאטער כאטליד, וואס מען ווענען ...ם בארעם שרייבען גאנץ גרינדליך און רייי ...ען שפענע דיבורים. אבער י. ב. ג. האט זיך ...נענמאן מיט דעם ניט אפגעבען. אפער וועט ...ען באד די צייט פאר דעם. ער האט זיך ...רוויי באגענענט מיט דעם גאט'ן. אום פינקט ...געבען איבערגעגעבן צו א נעפיהר פון ענטוזיאזם ...צען, ווי מען בראפט דא דעם עולם. אייער ...ף ליידען אייך פון א שטיקער ווידערשפרוך. ...רעם בעגריף איהר, אז א גיב דארף באשאפט ...ערען. דאן פארנעמט איהר זיך מיט דעם, און איהר ...ינט א זכות אויף דעם ניט־אפשרייבער ישם קונסט. ...יך ניט אייך אים רעדיגט פאר פאררינסטען. ...ס ער האט קיינמאל ניט געהאט. אונז וואונ־ ...רט, ווער האט עס אויך איינגערעדט אז די ...ע נארישקייטען.

...ל. ניין, איהר האט געמאכט א טעות. מיר ...בען פאר איהם ניט פארגעריינט דעם גאנצען ...ף אייער... בלויז די שטעלע, און ווערכער ...ר שרייבערט דעם איינדרוק, וואס אייערע א ...ע האט געמאכט אויף איהם. פארשטעהט זיך, ...עס וואס געווען זעהר ניט רעכט פון אונז ...ייגען פאר איהם אייער גאנצען בריף; אבער, ...האט אייך נערעכט איינשאפען? דאס מיר זיינען ...פעהיג צו טאן אזא זאך? עס ווייזט אויס, ...איינער דאר טרייען צו שרייבען דראה, ...יבט דאך פלאץ פאר אייערע מיספארשטענד־ ...ע, און דער פאדרום איז דאס גרעסער. ווען ...באפירט מיט א מענשען, פון וועלכען מען ...אזוי נערן ניט מיספארשטאנען צו ווערען. ...מיפר היבר איז, ניט צו שרייבען מעהר, נאר ...ען אין פערזענליכע באריהרונג, ווען אייערע ...פארשטענדניסע ראנען ניכער באזייטיגט ווער־ ...דורך א בייה, דורך א מאך מיט דער האנט. ...דורך דעם אזוי ניט־נעגענענטע ווארט.

...מעמבער פון לאקאל 22 — מיר ווארטען ...ער פארעפענטליכט אייער בריף, אבער, רייי ..., האט איהר ניט נעגאט דעם נויטיגען מוט ...ונטערצושרייבען אייער נאמען. און אזא פאל איז דער ...טען פון גאנץ באזונדערער וויכטיגקייט. מיר ...טען ניט פון דער דאזיגער סעקרעטערע ארייגצו־ ...נכען א פעבער דעם שידוך אין דוקען. דאס ...פיין. מיר האלטען פון ארויסטרעטען שטען ...ען די איצטיגע „רעבעדען", און זאגען זיי ...גאנץ הייסע דבורים, וואס מיר דענקען וועגען ...אזוי האט איהר אויך בארופט האנדלען. ...טוט אונז דאוים לייד, וואס איהר האט נע־ ...טען פאר נויטיג צו פארבאהאלטען זיך הינ־ ...דעם נאמען „מעמבער לאקאל 22", און אזוי ...ויבט אייער יוניאן פון דער באהאנטשאפטונג ...א ווינקטיגען פאקט.

...ב. שוכהאלטער — איהר זיינט אונגע־ ...ס, ציהענדיג א שלוס פון אן איינצעלנער פא־ ...ונג אויף דאס גאנצע. אן איינצעלנער פאל ...באטראכט ווערען בלויז אלס סימפטאם פון ...געוויסער ראנגהייט, איז אויך דאס ניט אלע ...ריכטיג, אבער ארויסצוקומען מיט אזא זיי־ ...ען טאו, ווי איהר טוט עס, אז אלע זיינען ...קט אזוי שלעכט, נאר זיי האבען ניט געהאט ...געלעגענהייט דערצו, דאס איז, לויט אונזער ...נונג, זעהר ניט ריכטיג. איהר פאר'משפט א ...יסע מאסע מענשען, נאך איידער זיי האבען ...אין עטוואס פארשולדיגט. צו זאגען, אז אלע ...לטען געטאן אזוי, איז אן השערה, פאר וועלכע ...הר האט ניט קיינע פאקטען. פילע פאקטען ...דען נעגען אייער באהויפטונג. מיר קענען ...יוניאן־פיהרער, וועלכע האבען באוויזען מיט ...ערע האנדלונגען פון רעזיגנירען פון זייערע ...שטער, אז דער דזשאב איז ניט ביי זיי העכער ...אלעס, אז די יוניאן איז ניט פאר זיי א ...שטעל, א מעלקעדיגע קוה. מיר קענען פילע, ...לכע זיינען מיט לייב און לעבען איבערגע־ ...בען צו די אינטערעסען פון דער יוניאן, און ...ילו וועגען דער האנדלונג פון די פיהרער פון ...ער געוועזענעם לאקאל, קענען מיר אייך ניט ...ען מיט זיכערהייט, אז דער הויפט־מאטיוו ...געווען דער דזשאב. מיר דענקען, אז זיכער ...עס געווען בלינדע עקשנות, א געפיהל פון ...רענקטער קליינליכער איינענליבע. און, ווען ...ילו עס זאל זיין, דאס ביי איינע האט דער ...נשטעלונג... געשפילט די הויפט־ראליע, ..., ערשטענס, ווייסען מיר ניט, אויב דאס איז ...ער פאל מיט אלע אנדערע, און צווייטענס, זיי־ ...מיר אפילו וועגען די איינציגע ניט אזוי ...כער, אז מיר זאלען עס קענען באהויפטען מיט ...שטימטקייט. דערפאר זיינען מיר נעגען אייער ...אלגע באשולדיגונג. מען דארף זיין „פעיר" ...ילו צו אונזערע נעגנער. זאלען זיי ווערפען ...יט באשולדיגונגען רעכטס און לינקס. לאמיר ...אבער היטען פון צו טאן דאסזעלבע. און ...עס צו אייערע פונקטען: 2) מיר ווייסען ניט ...אזא פאל, אז דער סעקרעטאר פון א לאקאל

קענט איהר זעהן גוט?

האט איהר אירגענד וועלכע טראבעל מיט אייערע אויגען?

דער יוניטי העלט סענטער, 131 איסט 17טע סטריט, האט א ספעציעלען אויגען קליניק, וואו אן ערשטע קלאס קאמפעטענטער אויגען דאקטאר איז פארטיג אייך צו דינען יעדען מאנטאג און מיטוואך, פון 5 ביז 6.30 נאכמיטאג.

מיר עקזאמינירען און באהאנדלען אייערע קראנקע אדער ניט גוט זעהענדע אויגען. אפעראציעס ווערען ארראנזשירט און ברילען ווערען פארזיכטיג צוגעפאסט.

אלעס לויט א ספעציעל רעדוצירטען פרייז. דער פרייז איז איין דאלאר.

ווי אזוי די טעאריע פון עוואלוציע ווערט באשטעטיגט

(א שפאציר אין מוזעאום)

פון ל. באראדולין.

אויף אונזער פאריגען שפאציר אין מוזעאום האבען מיר באזוכט דעם „האל אוו פאסיל רעפטיילס", וואס געפינט זיך אויף דעם אויבערשטען, 4טען שטאק. איידער מען געהט אריין אין יענעם זאל מוז מען פריהער דורכגעהן אן אנדער זאל, וואס רופט זיך: „פאסיל מאמאלס"; און אט אין דעם זאל ווערען מיר עס מאכען אונזער היינטיגען שפאציר. אין א געוויסען זין, איז אט דער זאל דער וויכטיגסטער פון אלע איבעריגע אין גאנצען מוזעאום. און אט פארוואס.

צווישען די טעאריעס, וואס די וויסענשאפט האט אויפגעבויט און ארויסגעשטעלט איז פאראן איינע, וואס רופט זיך „די טעאריע פון עוואלוציע". וועגען אט דער טעאריע האבען מיר שוין גערעדט אין דעם פאריגען און אין פריהערדיגע ארטיקלען. די טעאריע איז וויכטיג דערמיט, וואס זי ערקלערט אונז די אפשטאמונג פון די לעבעדיגע באשעפעניש, אויף דער וועלט, און צווייטענס, איז זי וויכטיג מיט איהר זעהר ברייטער פראקטישער אנווענדונג. די באקאנטשאפט מיט דער טעאריע און די ערשיינונג פון עוואלוציע האט אונז געגעבען א מעגליכקייט צו ענטוויקלען געזינטערע בהמות, וואס גיבען אונז מעהר מילך, ווי אמאל; פערד, וואס לויפען שנעלער און קענען שלעפען שווערערע משא; הינער, וואס לייגען מעהר אייער; שעפסען, וואס גיבען מעהר וואהל; בוימער, וואס גיבען מעהר און בעסערע פרוכטען, א. א. וו. מיט הונדערט יאהר צוריק זיינען ניט געווען אזעלכע גרויסע, גוטע און געשמאקע עפעל, בארען, אבריקאסען, אראנדזשען און אנדערע פרוכטען, ווי די, וואס וואקסען איצטער און וועלכע זיינען ענטוויקעלט געווארען אויפ'ן גרונד פון עוואלוציע. אויף דערזעלבער טעאריע פון עוואלוציע איז אויך געבויט די פארהעלטניסמעסיג נייע וויסענשאפט „יודזשעניקס", וועלכע שטרעבט צו פארבעסערען דעם מענשליכען מין אויף דער ערד.

אבער די טעאריע פון עוואלוציע לייקענט די געשיכטע וועגען דער ענטשטעהונג פון דער ערד און די לעבעדיגע באשעפעניש ווי די הייליגע שריפטען גיבען עס אונז איבער; דעריבער האט אט די טעאריע געפונען א גוואלדיגען ווידערשטאנד צווישען די פיהרער און טרעגער פון רעליגיע. מען מוז זיי געבען קרעדיט: עס זיינען פאראן א היבשע צאהל געבילדעטע גייסטליכע, וואס זוכען צו מאכען א קאמפראמיס צווישען עוואלוציע און רעליגיע. זייענדיג לויט זייער בארוף אדער טעטיגקייט רעליגיעזע טוער און ניט זייענדיג בכח צו לייקענען עוואלוציע אלס א צו באשיינבארליכע ערשיינונג, זאגען זיי, אז עוואלוציע עקזיסטירט; נאר די עוואלוציע האט גאט באשאפען.

עס זיינען אבער פאראן אזעלכע איינגעשפארטע און שמאלזיניגע טרעגער פון רעליגיע, וועלכע לייקענען עוואלוציע אלס עטוואס, וואס איז אין פולען ווידערשפרוך מיט דעם בוכשטאב און זין פון ביבעל. זיי זאגען, אז עוואלוציע עקזיסטירט ניט אלס אן ערשיינונג אין נאטור שוין דערפאר אליין, ווייל די הייליגע שריפטען ערקלעהרען די אפשטאמונג פון דער וועלט גאנץ אנדערש. אויף דעם גרונד פאדערען זיי, אז מען זאל פארבאטען צו לערנען עוואלוציע אין די שולען און אוניווערסיטעטען אלס א לעהרע וואס פארדארבט די מאראל פון דער יוגענד. (רעדיפים, וואס עס לייקענט רעליגיע. מאראל און רעליגיע איז ביי זיי דיזעלבע זאך). דער הויפט ארגומענט זייערער איז, וואס די טעאריע פון עוואלוציע איז ניט קיין דערוויזענע ערשיינונג און איז ניט מעהר ווי א „געס", א טרעפאכץ. קומען די וויסענשאפטס לייט און זאגען, אז דאס איז ניט אמת: די טעאריע פון עוואלוציע איז ניט קיין טרעפאכץ, נאר א פארשטענדיג דערוויזענע ערשיינונג אין דער נאטור.

אין דעם זאל, וואו מיר ווערען מאכען אונזער היינטיגען שפאציר, זיינען אויסגעשטעלט זאכען, וואס דערוויזען און באשטעטיגען די טעאריע פון עוואלוציע.

מיר קענען זיך, נאטירליך, ניט אפשטעלען ביי יעדער זאך, אדער ביי יעדער גרופע זאכען, וואס געפינען זיך אין אט דעם זאל; מיר ווערען נאר באטראכטען די אינטערעסאנטסטע פון זיי.

באלד ביי דעם אריינגאנג צו דער רעכטער זייט געפינט זיך די בארימטע גרופע, וואס אילוסטרירט די ענטוויקלונג פון פערד. ווען קאלומבוס האט ענטדעקט אמעריקא זיינען דא קיין פערד ניט געווען. די פערד וואס זיינען איצטער דא, האט מען געבראכט פון אייראפא, און זיי האבען זיך דא פארנאנדערגעפראפיעט. אבער די אמת'ע היים פון פערד איז גראדע אמעריקא. אין פארשיידענע שיכטען פון דער ערד האט מען דא געפונען די סקעלעטען פון די אמאליגע פערד, פון וועלכע די איצטיגע האבען זיך לאנגזאם, אין א משך פון איבער 3 מיליאן יאהרען אנטוויקעלט. דא, אין אט דעם באריהמטען ווינקעל, געפינען זיך די סקעלעטען פון 7 אמאליגע, פארצייטיגע פערד און די פארשיידענע שטופען פון זייער אנטוויקלונג.

דער ערשטער פון זיי האט עקזיסטירט אין יענער געאלאגישער עפאכע, וואס רופט זיך „עאסען", און דאס איז א חשבון פון א 3 מיליאן יאהרען צוריק. דער פערד איז דאן געווען ניט גרעסער, ווי א דורכשניטליכער הונט, און אנשטאט קאפיטעס האט ער געהאט צו 4 פינגער אויף יעדען פוס.

דערנאך קומט דער פערד, וואס האט עקזיסטירט אין דער שפעטערדיגער, אזוי גערופענער „אליגאסען" עפאכע, וואס איז געווען מיט אומגעפעהר 2 און א האלב מיליאן יאהרען צוריק. דער פערד איז שוין באדייטענד גרעסער. אויף די פיס זיינען שוין נים צו 4 פינגער, נאר צו 3, און דער מיטעלסטער איז גרעסער, ווי די זייטיגע.

דערנאך קומט דער פערד פון דער אזוי גערופענער „מיאסען" עפאכע, מיט א האלבען מיליאן יאהרען שפעטער. דער פערד איז שוין נאך גרעסער און מעהר ענטוויקעלט. דער מיטעלסטער פינגער איז שוין אזוי גרוס און ברייט, אז ער זעהט שוין אויס מעהר קאפיטע, ווי פינגער; און די זייטיגע פינגער זיינען אזוי קליין און אפגערוקט צוריק, אז די פיס שפארען זיך שוין נים אן אויף זיי.

אין דער נעקסטער שטופע, ווידער מיט א האלבען מיליאן יאהר שפעטער, איז דער פערד שוין גאר גרויס און נאך מעהר אנטוויקעלט. דער מיטעלסטער פינגער האט זיך שוין אנטוויקעלט אין א פאלשטענדיגער קאפיטע, און פון די זייטיגע פינגער איז געבליבען נאר שוואכע סמנים. און אזוי ווייטער, ביז דעם איצטיגען פערד.

אויף דער וואנט, וואו די גרופע געפינט זיך, איז דא א גרויסע טאבעלע. דא זיינען אנגעצייכענט די פארשיידענע פלאסטען ערד, און יעדער פלאסט האט זיין נאמען. לעבען דעם פלאסט ערד איז אנגעהאנגען געווארען דער קאפ און 2 פיס (א פאדערשטער און א הינטערשטער) פון יענע פערד, וואס האבען געלעבט אין דער באטרעפענדער עפאכע. אט די טאבעלע איז באריהמט איבער דער גאנצער וועלט. די פאטאגראפיעס פון אט דער טאבעלע זיינען אפגעדרוקט אין אלע אנגעזעהענסטע ווערק איבער געאלאגיע און ביאלאגיע. פאר 2—3 סענט קענט איהם ביים אריינגאנג אין זאל קויפען א פאסטעל-קארד מיט אט דער טאבעלע.

אויף אזא אופן האט איהר דא די געשיכטע פון דער אנטוויקלונג פון פערד פארגעשטעלט אין זייערע אריגינעלע און ווירקליכע סקעלעטען און אין דער טאבעלע.

אנטקעגען דער פערד-גרופע געפינט זיך די טאבעלע, וואס ציינט ווי אזוי די קעמלען האבען זיך אנטוויקעלט. אבער דא האבען מיר נים די גאנצע סקעלעטען, נאר די פיס פון די קעמלען. די געשיכטע פון דער עוואלוציע פון קעמלען איז דא אילוסטרירט דורך זייערע פיס. און דא זעהט איהר, אז וואס טיפער און עלטער עס איז דער פלאסט ערד, וואו די פיס פון די קעמלען זיינען אויסגעגראבען געווארען, אלץ נידעריגער איז די שטופע פון דער אנטוויקלונג פון דער חיה. וואס שפעטער ווערען די קעמלען אלץ מעהר און מעהר אנטוויקעלט, ביז זיי קומען צו דער העכסטער שטופע, און די אנטוויקלונג שטעלט זיך אפ. איצטער קומט שוין די דעגענעראציע. מיט עטליכע טויזענט יאהר צוריק זיינען די קעמלען געווען העכער אנטוויקעלט, ווי איצטער. איצטער הויבען זיי שוין אן אויסצושטארבען. ווען איהר באטראכט די פיס פון די קעמלען, ווי זיי זיינען אויסגעשטעלט אויף דער טאבעלע, דערקענט איהר עס.

אין א צווייטען ווינקעל פון זעלבען זאל איז פאראן א גרופע, וואס ציינט ווי אזוי עס האט זיך אנטוויקעלט א מין חיה, וואס רופט זיך „טיטאנאטערעס". די חיה עקזיסטירט שוין נישט. זי איז שוין לאנג אונטערגעגאנגען. עס איז אבער געווען א צייט, ווען זי האט דערגרייכט א גאנץ הויכע שטופע פון אנטוויקלונג.

פאר וואס און ווי אזוי אט די חיה איז אונטערגעגאנגען — איז דא ניט די פראגע, פונקט ווי עס איז ניט די פראגע, פאר וואס דער קעמעל האלט אין אונטערגעהן. און אגב קען מען אין זעלבען זאל זעהן די סקעלעטען פון עטליכע אנדערע חיות, וואס האבען אמאל עקזיסטירט און זיינען שוין לאנג אונטערגעגאנגען. אינטערעסאנט איז אבער די געשיכטע פון דער אנטוויקלונג פון אט דעם „טיטאנאטערעס". אין פארשיידענע פלאסטען פון דער ערד האט מען געפונען אט די חיה אין פארשיידענע שטופען פון אנטוויקלונג, און דא זעהען מיר, ווי עס ווידערהאלט זיך דער אלטער כלל פון עוואלוציע: וואס נידעריגער, וואס עלטער (ד. ה. מיט מעהר יאהרען צוריק) עס איז דער פלאסט ערד, אלץ נידעריגער איז די שטופע פון אנטוויקלונג פון אט דער חיה. דאס קען מען זעהן פון די סקעלעטען און פון קאפ פון אט דער חיה. פריהער איז די חיה קלענער און אלץ וועניגער אנטוויקעלט, און וואס שפעטער איז די חיה גרעסער און קאמפליצירטער אין קערפערליכען געבוי.

אט נעהמט צ. ב. ש. אזא שטריך פון אט דער חיה: אין איהר אנטוויקעלטסטער פארם האט די חיה אויף איהר נאז א מין פאר הערנער. אין דער ערשטער שטופע פון אנטוויקלונג — לויט די סקעלעטען וואס מען האט געפונען און אויסגעשטעלט אין מוזעאום — איז דער נאז א גלאטער און קיין סימן פון הערנער איז ניטא. אין דער שפעטערדיגער פארם איז שוין אויפ'ן נאז פאראן א מין הארבעל. דערנאך ווערט דער הארבעל גרעסער און עס באווייזען זיך די ערשטע סמנים פון די שפעטערדיגע הערנער. דערנאך ווערען די הערנער גרעסער און גרעסער, ביז זיי ווערען פאלשטענדיג אנטוויקעלט. מסתמא זיינען די באדינגונגען פון לעבען פון אט דער חיה געווען אזעלכע, אז זי האט זיך גענויטיגט אין אזא מין פאר הערנער אין איהר קאמף פאר עקזיסטענץ.

דאס אלץ זיינען זאכליכע באשטעטיגונגען פון דער טעאריע פון עוואלוציע. דער מוזעאום איז אפען פאר אלעמען יעדען טאג פון יאהר. און יעדער איינער, ווער עס וויל, קען אהין אריינקומען און די זאכען אנקוקען. און ווען מען באטראכט די זאכען, וואס זיינען אויסגעשטעלט אין אט דעם זאל, און נאך דעם לייקענט מען דאך די טעאריע פון עוואלוציע, דארף מען זיין א . . . ווילִיאם דזש. ברייען.

דער דזשאבערס דעפארטמענט פונ'ם דזשאינט באארד

(שלוס פון זייט 11)

אלע דיסטריקט אפיסעס פון דער יוניאן. זיי האבען אפילו אונז געגעבען זייערע מענשען, די ביזנעס איידזשענטס פון די אפיסעס, צו העלפען אין דער ארבייט. מיט איין ווארט: זיי האבען געטאן אלץ וואס איז נויטיג געווען צו העלפען אונז ברענגען דעם „דרייוו" צו דעם געווינשטען ערפאלג.

הערי וואנדער,
מענעדזשער קלאוק און דרעס
דזשאבערס דעפארטמענט פונ'ם
דזשאינט באארד.

הויט-קראנקהייטען

דער יוניאן העלטה סענטער, 131 א. 17טע סטריט, האט א זעהר קאמפעטענטען ספעציאליסט פאר הויט-קראנקהייטען. זייגע שטונדען זיינען פון 5 ביז 6.30 אבענדס, יעדען מיטוואך. בלויז איין דאלאר ווערט גערעכענט צו מעמבערס פון אנגעשלאסענע לאקאלס.

קורצע שמועסען

צווישען דעם רעדאקטאר
:: און די לעזער ::

ה. ראווינסקי.—אונז געפעלט גארניט אייער פלאן און צוליב פארשידענע אורזאכען. יא-מיר דא אנגעבען נאר א פאר. דער קארפאריישאן שאפ, אדער, ווי ער הייסט, דער סעשער שאפ, איז א איבעל, געגען וועלכען די יוניאן קעמפט זייט ער איז אויפגעבויט געווארען. פארוואס זשע איז דער קארפאריישאן שאפ א צרה? פארוואס זאלען עטלאכע ארבייטער, וואס ווילען ניט ארבייטען פאר א באס, ניט מעגען ווערען אליין באלעבאסים, און אליין קריגען דעם פראפיט פון'ם „מיטעלמאן"? דערפאר, ווייל די ערפארונג האט געלערנט, דאס אזעלכע קארפאריישאנס-שאפס זיינען און מוזען זיין די ערגסטע סוועט-שאפס; ווייל, אום צו קריגען ארבייט, מוזען זיי נעמען די ארבייט פאר א פיל ביליגערען פרייז, און דערפאר, כדי צו מאכען דאך א שטיקעל לעבען, ארבייטען זיי סאי טאג סאי נאכט סאי שבת, סאי יום טוב, און דערמיט אונטערגראבען זיי די סאמע עקזיסטענץ פון דער יוניאן. קומט איהר און שלאגט פאר, אנשטאט, דאס עטלאכע ארבייטער זאלען עפענען קארפאריישאן-שעפער, זאלען דאס טאן 50 ארבייטער מיט אמאל. פרעגען מיר אייך, מיט וואס וועט די לאגע ווערען בעסער? פארקערט, אונז דאכט זיך, אז זי וועט ווערען ערגער. ווען 50 מענשען דארפען מאכען א לעבען, און דער קאפיטאל, וואס זיי האבען אריינגעלייגט, וועט ווערען פון וואך צו וואך אלץ קלענער, וועלען זיי מוזען טאן דאסזעלבע, וואס די איצטיגע קארפאריישאן-שאפעס, און נאך אויף א פיל ערגערען מאסשטאב. ווען איהר וואלט פארגעשלאגען, אז די יוניאן אליין זאל עפענען אזעלכע שעפער, וואלט עס געהאט א זין. אזא באשלוס איז אויך אנגענומען געווארען אויף די לעצטע דריי קאנווענשאנס. ער איז ניט דורכגעפיהרט געווארען צוליב פארשיידענע אורזאכען, אבער אייער פארשלאג איז ווירקליך גאר א משונהדיגער. א איבעל ווערט ניט קלענער דערמיט, וואס אנשטאט עטלאכע מענשען זאלען זיך באטייליגען אין איהם, באטייליגען זיך הונדערטע, פארקערט, דער איבעל ווערט דאן גרעסער; די יוניאן, וועלכע האט אזוי פיל שוועריגקייטען מיט די קליינע קארפאריישאן-שעפער, וועט האבען פיל מעהר ארבייט צו קאנטראלירען די גרויסע קארפאריישאן-שעפער. און צו וואס דאן א יוניאן איבערהויפט, אז די ארבייטער וועלען ווערען קאנטראקטארלאך? נאך ערגער איז אייער פארשלאג דערמיט, וואס איהר שלאגט פאר די ווידער-איינפיהרונג פון שטיק-ארבייט. פארגעסט ניט, אז ניט אלע ארבייטער וועלען זיך קאנען אנשליסען אן אייערע קארפאריישאן-שעפער, ווארום ניט אלע האבען 100 דאלאר צו אינוועסטען. וועט אויסקומען, אז בעת א טייל פון די ארבייטער וועט ארבייטען וואך-ארבייט, וועט א צווייטער טייל ארבייטען שטיק-ארבייט. קאנט איהר זיך פארשטעלען, וואס פאר א משונה'דיגען חושך דאס וועט אריינברענגען אין טרייד?

מיר זיינען זיכער, דאס איהר האט זיך נאך ווייניג אריינגעטראכט אין אייער פלאן. מיר זיינען אפילו געגען דעם פלאן, אז די יוניאן אליין זאל ווערען דער בעל הבית איבער אזעלכע קארפאריישאן שעפער, ווייל זי וואלט דערמיט אונטערגראבען איהר אייגענעם עקזיסטענץ. מיר זיינען פאר דעם, אז די יוניאן זאל עפענען אייגענע שעפער, אין וועלכע זי זאל אליין מאנופעקטשורען פאר'ן אלגעמיינעם מארקעט. דאס יז אבער נים ווערען א קאנטראקטאר ביים דזשאבער אדער מאנופעקטשורער. דורך אזא האנדלונג וואלט די יוניאן פארלארען איהר מהות, איהר עקזיסטענץ-בארעכטיגונג. מיר פארעפענטליכען פונדעסטוועגען אייער בריף, ווייל איהר האט א רעכט צו אייער מיינונג, און דאן וועלען אפשר אנדערע זיך אפרופען און ארויסזאגען זייערע געדאנקען וועגען דעם גרויסען איבעל, און ווי מען קאן אויסמיידען, אז דער באגריף זאל ניט אויסקומען צו אל די שווארצע יאהר און זאל אויפגעארבייט ווערען פון דעם יוניאן מאן.

א. ראטהענבערג.—מיר ווייסען נים וועגען וואס איהר רעדט. וואס פאר א רעסטאראן? וואס פאר א דישעס? האט ניט אמאל אייער בריף פארבלאנדזשעט צו אונז, וואס האבען ניט קיינע רעסטאראנען און קיינע לאנטשרומס?

הענרי קאהען.—איהר ווילט מיר זאלען שרייבען אויף די טעמא: „וואס איז אזעלכע ליבע"? איהר מיינט, אז דאס וועט העלפען אייך צודעקען דעם לינקען בלאק. אבער, ליבער פריינד, האבען מיר נאך קנאפ געשריבען וועגען דעם? וואס העלפט עס אבער, אז די מענשען ווילען נאך ניט לייענען. אט איהר אליין, דאכט זיך, לייענט גארניט די „גערעכטיגקייט". ווארום, ווען יא, וואלט איהר דאך ניט געקומען צו אונז מיט אזא בקשה, צו שרייבען וועגען דעם לינקען בלאק, אז דאס טוען מיר וואכענטליך.

איידע מיללער.—י. ב. ג. איז געווען פאלשטענדיג גערעכט מיט זיין נאטיץ וועגען דעם טעאטער-פארציע, און, נאטירליך, זיינט איהר פאלשטענדיג אומגערעכט מיט אייער טענה צו איהם, ווארום ער האט אזוי געהאנדעלט. פריהער פאר אלץ שלאגט זיך ארויס פון קאפ דעם געדאנק, אז דא מוז זיין עפעס פערזענליכעס. ניין, י. ב. ג. האט מיט דעם מענשען קיינמאל ניט געהאט די מינדסטע פערזענליכע איבערריידעניש. אבער י. ב. ג. האט פיינט א בלאפער, איינעם וואס וויל נעמען דעם עולם אויף זיכער, און, ווי עס ווייזט ארויס, זענט איהר אויך איינע פון זיינע קרבנות. י. ב. ג. נעהמט ארויס פון דעם



פארקיהלונגען שנעל געסטאפט

איהר קענט אייך פארלאזען אויף הילל'ס קאסקארא בראמאיד קווינין אבצוברעכען אייער קאלט אין 24 שטונדען, אדער די גריפ אין דריי טעג. עס איז דער ווירקזאמסטער און העכסט צופערלעסליכער מיטעל פאר פערקיהלונגען וואס איז באוואוסט צו מיליאנען מענשען אין דער גאנצער וועלט.

פאדערט די עכטע אין די רויטע באקס וואס טראגט מר. הילל'ס פארטרעט און אונטערשריפט. ווערט פערקויפט אין דראג סטארס איבעראל. פרייז 30 סענט.

W. H. HILL CO., DETROIT, MICH.
J-2453

קלאוק פינישערס,
אויפמערקזאם!

די קלאוקפינישערס פון דעם געוועזענעם לאקאל 11 דארפען זיך איינשרייבען אין דער

קלאוק פינישערס יוניאן לאקאל 9

און זיי ווערען אויפגעפאדערט דאס באלד צו טאן.

דער אפיס פון לאקאל 9 געפינט זיך אויף

לעקסינגטאן עוועניו

צווישען 25טע און 26טע סטס.

עקז. באארד לאקאל 9

ל. הײמאן, מענעדזשער.

קלאסישע קאנצערטען צו רעדוצירטע פרייזען.

קארדס, וואס בארעכטיגען אונזערע מעמבערס צו טיקעטס צו 12 פילהארמאניק קאנצערטען צו האלבע פרייזען, קען מען באקומען אין אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 3 וועסט 16טע סט.

די קאנצערטען ווערען געגעבען אין קארנעגי האל און אין מעטראפאליטאן אפערא הויז.

זאלען אונזערע מיטגלידער זיך באנוצען מיט דער געלעגענהייט צו הערען די פילהארמאניק קאנצערטען צו רעדוצירטע פרייזען.

מעדיצין וועט ניט העלפען

ווען איהר ליידעט פון לומבעגא, סיאטיקא אדער נערוועז און רומאטישע וועהטאגען וועלען זייד אפטייקארסקע מיטלען ווייניג וואס העלפען צו פארלייכטערען אייערע שמערצען.

פאר אזעלכע קראנקהייטען איז דאס בעסטע זיך צו קורירען מיט געוויסע ספעציעלע „עלעקטרישע באקמאשינען".

דער יוניאן העלטה סענטער
131 איסט 17טע סטריט

האט זעהר א גוט איינגעריכטעטען דעפארטמענט, מיט די בעסטע עלעקטרישע מאשינען צו קורירען דיזע קראנקהייטען, און געפינט זיך אונטער דער אויפזיכט פון דר. הענרי וואלף, וועלכער איז דער הויפט־דאקטאר פון דעם מאונט סיני האספיטאל עלעקטרא טערעפיוטיק דעפארטמענט. דר. וואלף וועט זיך געפינען אין דעם יוניאן העלט סענטער יעדען טאג וואו ליידענדע אויף דיזע קראנקהייטען וועלען זיך מיט איהם קענען בעראטען און אראנזשירען פאר קורירען זיך.

א וויזיט קאסט בלויז איין דאלאר.

קויפט איסשליסליך

קאלאמביא טהעע
צוועטאטשני טשאי
הייט לילי טהעע

די אידישע אגריקולטור (באראן הירש) סאסייעטי

העלפט אלע צוקונפטיגע פארמערס מיט אויס־קינפטע וועגען פארמעריי און ווי זיך אויס־צוהיטען פון שווינדלערס, ווען איהר קויפט אייער פארם.

נים קיינע דעפאזיטס איידער איהר בעראט זיך מיט אונז.

אונזער ראט און טאט איז אבסאלוט פריי. שרייבט אדער קומט פערזענליך.

אפען טעגליך אויסער שבת — פון 9 ביז 5, זונטאג — ביז 1 אוהר.

JEWISH AGRICULTURAL SOCIETY, INC.
301 E. 14th St., New York City

קלאוק פינישערס לאקאל 9

צו פייערען די ערעפענונג פון אונזער עדיוקיישאנאל סיזאן, האבען מיר אראנזשירט

א קאנצערט

פרייטאג אווענט, דעם 21טען נאוועמבער

אין

סטייוועסאנט היי סקול
15טע סטריט

צווישען דער ערשטער און צווייטער עוו.

רעדעס וועלען געהאלטען ווערען פון

מ. לעווין און פאניא מ. קאהן,

פון אינט. עדיוקיישאנאל דעפארט.

אין דער פראגראם וועלען זיך באטייליגען:

דער בארימטער פידעל שפילער

מישעל פיאסטרא

מיס אניטא ראיען,

א בארימטע סאפראנא זינגערין פון דער דייטשער אפערע.

א. לוצקי

דער באוואוסטער פאעט

וועט איבפראוויזירען זיינע לידער.

מ. גאלדבערג, טשערמאן. ל. הײמאן, מענעדזשער.

פרעסערס
פון קלאוקס

זייט וויסען דאס די ווייער ברעטלאך צו פרעסען וועלוועט און בעלייוויע, וואס מיר האבען ביז איצט געמאכט מיט די צוגעפעסטע לייוונד אדער צוגעשלאגענע אויף האלץ זיינען ערקלערט געווארען פון אונזער פעקטארי־דאקטאר פאר אומגעזונד צו יוזען, דען דער גערוך פון די צוואווארימטע פעך און די צופארעטע האלץ קאן ברענגען צו קאנסאמפשאן.

יוזט נאר אונזער נייעם פעטענט מיט די קופערנע לייוונד, וועלכע איז אנערקענט געווארען פון די גרעסטע עקספערטען אין וואשינגטאן אלס העכסט סאניטארישע ווייער ברעטלאך.

צו באקומען ביי די

אמעריקאן פלאש און וועלוועט פרעסער באארד קאמפאני

123 פינפטע עוועניו ניו יארק

טעלעפאן אשלאנד 2220.

מיר פארקויפען אויך די לייטעסט סטייל סטימערס. טרוקענע סטים מיט א גאראנטיע.

מיר האבען אויך פינקינג מאשינס — די בעסטע אין מארקעט.

אינטערנעשאנאל יוניאן באנק

פינפטע עוועניו און 21טע סטריט

אונזער באנק

האט אלע איינריכטונגען פאר אלע באנק אנגעלעגענהייטען.

צאהלט 4 פראצענט אינטערעסט און טיילט די פראפיטען מיט איהרע דעפאזיטארס.

שיקט אייער געלט נאך יוראפ צו די ביליגסטע פרייזען.

פאר די 9 מאנאטען פון אונזער עקזיסטענץ באשטעהט יעצט אונזער פארמעגען פון

דריי מיט א האלב מיליאן דאלער

מיר האבען ארום 4,000 דעפאזיטארס ביז איצט, און די צאהל פארגרעסערט זיך יעדען טאג.

יעצט איז די צייט צו טרענספערירען אייער אקאונט, ברענגט אייער באנק ביכעל און מיר וועלען גלייך אנפאנגען אייך צאהלען פראצענט.

International Union Bank
FIFTH AVENUE at 21st STREET
Member Federal Reserve System

שיקט די קינדער אין די ארבייטער רינג שולען

אין דעם חודש נאוועמבער, פון דעם 16טען ביז דעם 30טען, האט דער ארבייטער רינג זיין נאציאנאלע שול־וואך. עס איז די פליכט פון אלע אידישע ארבייטער איבער דעם לאנד אין יעדער יאהר פון א גאנץ יאהר צו פארהערלענען זיך וועגען די ערציהונגס־פראבלעמען פון אונזערע קינדער, וועגען דעם נייטיגען שיהזאר פון אונזער יוגענד, וועגען די פאמיליען־לעבען און טראגעדיעס, וואס מיר האבען א דאנק דער ערציהונג, וואס אונזערע קינדער קריגען אין פרעמדע אינסטיטוציעס, און אין א פרעמדער, שעדליכער אטמאספערע. דאס איז ניט קיין פראבלעם פון איין באשטימטען טאג אדער פון א וואך. דאס איז א טאג־טעגליכע שרייענדע נויט.

די אידישע ארבייטער־שול באוועגונג איז געקומען צו ענטפערען אויף די פראבלעמען מיט איהר אריינגעהמען די קינדער אין אונזער אטמאספערע, דורך דעם באקענען אונזערע קינדער מיט אונזער שפראך און ליטעראטור, מיט די שענסטע טיילען פון אונזער קולטור, מיט דער געשיכטע פון אונזער פאלק אמאל און מיט דער געשיכטע פון די לעצטע יאהרהונדערטען, מיט דעם לעבען און מיט דעם שטרעבען פון די אידישע ארבייטענדע מאסען און מיט זייער קאמף פאר א בעסערן לעבען איצט און פאר א שעהנערען און גערעכטערען לעבען אין דער צוקונפט. עס איז באמת א חרפה, וואס מיר האבען נאך ביז היינט צוויישען אונזערע רייהען אונזערע ארבייטער, וואס שיקען זייערע קינדער אין אלט־פרענקישע חדרים אדער אין תלמוד תורות, וואו דאס קינד קריגט א פארשען באגריף פון וועגען דער אידישער געשיכטע פון אמאל און פון וועגען אונזער לעבען אין קאמף איצט, וואו דאס קינד ווערט פשוט געמאטערט, אויסצוציערנען זיך פראפערען ברכות און תפילות און מיינען, אז מיט דערמיט בינדען זיי צו אונזערע קינדער מיט אונזער אידישען לעבען. זיי פארשטעהען ניט, אז דערמיט דערווייטערען מיר זיי נאך פון אונז, אז מיר בויען נאך צו מיט דעם נאך א וואנט, וואס טיילט אפ די דענקענדע, ארגאניזירטע ארבייטער פון זייערע קינדער.

פאר יעדען באוואוסטזיניגען יוניאן מאן איז וויכטיג, אז זיינע קינדער זאלען זיך באציהען מיט סימפאטיע און אכטונג צו דער שטרעבונג פון זיינע עלטערן צו דערשלאגען זיך א בעסערען און שעהנערען לעבען און צו באפרייען זיך אינגאנצען פון עקספלואטאציע און שקלאפעריי. אין דער פאבריק־סקוחה, וואו ער מוז געהן; אין די ציימונגען, וואס ער לייענט; אין די מאוויס, וואס ער באזוכט; אין דער גאס, וואו ער פארברענגט — קען ער קיין סימפאטיע צו אונזערע ארבייטער־אידעאלען ניט באקומען. פארקערט, אפט באקומט ער דארט גאנץ משונה'דיגע פארשטעלונגען וועגען אונז: זיי ווענען ווערען „פאיינערס", טראבעלמאכערס, בינטאשיסטען און אזוי ווייטער.

אין די א. ר. שולען, וואס זיינען צעזייעט איבער די פארשידענע אידישע ארבייטער־קווארטאלען אין ניו יארק, פילאדעלפיע, באסטאן, קליוולאנד, שיקאגא און אזוי ווייטער, קריגען אונזערע קינדער א אידישע ארבייטער־ערציהונג, אונטער דער אויפזיכט פון ספעציעל צוגעגרייטע ערציהער און לעהרער. שיקט אהין אייערע קינדער — און איהר וועט אין גיכען דערזעהן, וואס פאר א טיפע ענדערונג אונזער ערציהונג מאכט אין זייערע מיינונגען און האנדלונגען.

אונזער צוועק פון דער שול־וואך איז צו דעמאנסטרירען פאר די ברייטע אידישע ארבייטער־מאסען די אידעען פון דער ארבייטער שול־באוועגונג און די נויטען, וועלכע זיי קומען רינדערען. זאל יעדער יוניאן שטעלען די ערציהונגס־פראגע אויף דעם טאג־ארדנונג. זאלען מיטגלידער דיסקוטירען איהר און מאכען זיך איין קלאר וועגען דעם גאנצען ענין. דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט פון א. ר. איז גרייט צו שיקען צו יעדען לאקאל, וואס וועט פארלאנגען, פראפאגאנדא ליטעראטור פאר דער וואך, רעדנער פאר מאסמיטינגען, אויב די שטעדט זיינען ניט זעהר ווייט פון ניו יארק, שיקאגא, פילאדעלפיע, באסטאן און אנדערע צענטרען.

ברידער און שוועסטער! עס איז געקומען די צייט, ווען מיר זאלען זיך אנהייבען צו זארגען פאר דעם מארגען; פאר דער צוקונפט פון אונזערע קינדער; פאר דער צוקונפט פון אונזערע ארגאניזאציעס, פון אונזער ארבייט, וואס איז אונז ליב און טייער און פאר וועלכער מיר האבען ביז איצט איבערגעלאזט וועניג ירושים. שיקט די קינדער אייערע אין די ארבייטער רינג שולען!

נייעס פון דענווער סאניטאריום

אין דעם דענווער סאניטאריום איז מען זעהר פארנומען. אין דער צייט וואס איין קאמיטע זעהט צו ברענגען וואס מעהר געלט אויפצובויען דעם געפלאנטען פאוויליאן און איינצופיהרען פארשידענע איינריכטונגען און איבערבעסערונגען האלטען די אנדערע קאמיטעס אין אויסארבייטען פלענער ווי אויסצוגעבען דאס געלט.

דער נייער ראד במעט פארטיג.

דער נייער ראד, אויף וועלכען מען האט געארבייט איבער דריי חדשים צייט איז שוין במעט אינגאנצען פארטיג און אויסער דעם, וואס דערמיט ווערט דער סאניטאריום פיל פארשענערט, וועט ער זיין פון גרויס הילף פאר די פאציענטען.

דער נייער געפלאנטער וועג איז ארום א מייל די לענג און עס וועט פיל פארלייכטערען דאס שפאצירען פון די פאציענטען.

אן עלעקטרישער פלענט אין סאניטאריום.

די מאשינערי קאמיטע פון דענווער סאניטאריום האט איצט אונטערגענומען אדורכצופיהרען אן עלעקטרישען פלענט אין סאניטאריום און דערפאר האט זי איינגעלאדען א באריהמטען אינזשיניר פון שיקאגא אז ער זאל איבערקוקען אלע מעכאנישע איינריכטונגען אין סאניטאריום און זאגען וועלכע זיינען פאלקאמען און וועלכע דארפען פאריכט אדער איבערגעארבייט ווערען.

עלעקשאן פון באאמטע אין דענווער סאניטאריום.

ביי דעם לעצטען מיטינג פון באארד או טראסטיעס זיינען פארגעקומען עלעקשאנס פון באאמטע און פאלגענדע זיינען אויסגעקליבען געווארען: דר. פיליפ הילקאוויטש, פרעזידענט, דר. חיים ספיוואק, סעקרעטאר, ח. י. שווארץ, ערשטער וויים פרעזידענט, י. ראד, צווייטער וויים פרעזידענט און בען גריימס, טרעזשורער. אויסער זיי זיינען אין דער עקזעקוטיווע אויסגעקליבען געווארען סטרייקער, פרידמאן, ניוסטעטער און פרומעס.

נייעס פון דער פעדערעישאן פון פילאנטראפישע אנשטאלטען

אין דעם סעטעלמענט הויז פון קריסטי סטריט.

עטליכע און זיבעציג קלובס געפינען זיך אין די רעקריאיישאן רומס און סעטלמענט פון 186 קריסטי סטריט.

צוויי הונדערט באזוכען טעגליך די סעטלעמענט. עס זיינען אין דער סעטלעמענט פאראן פינף קלאסען, וואו מען לערנט ענגליש, וואו מען לערנט מוזיק, צייכענען, טאנצען און עס איז אויך דא א דראמאטישער קלאס.

די סעטלמענט האט א דזשימנעזיום, האט א רוף גארדען פאר דער קליינווארג פון די ארומיגע ענגע גאסען און געסלאך.

די מעמבערס פון די קלובס צאהלען פון דריי סענט ביז 10 סענט א וואך. די סעטלעמענט האט דריי זומער קעמפס, וואס יעדער פון זיי באזארגט איבער'ן זומער ארום צוויי הונדערט און פופציג קינדער, אויסער דעם האט די סעטלעמענט דעם יאהר געשיקט הונדערט און פופציג קינדער פאר וועלכע עס איז שוין ניט געווען קיין פלאץ אין איהרע זומער קעמפס, אין די זומער קעמפס פון אנדערע פילאנטראפישע אנשטאלטען.

די מעגליכקייט אנצוגעהן מיט אט דער וויכטיגער ארבייט קריגט די סעטלעמענט פון דער פעדערעישאן פון פילאנטראפישע אנשטאלטען, אן וועלכער זי איז אנגעשלאסען.

די יתומים, וואס געהען ארויס פון ארפאן אסיילום.

אין דער היברו ארפאן עסיילום ווערען די מיידלאך געהאלטען ביז 16 יאהר. נאכדעם ווי א יתומה ווערט זעכצעהן יאהר ווערט זי נאך אלץ געהאלפען, ווייל א קינד פון זעכצעהן יאהר, וואס האט ניט קיין טאטע מאמע קען נאך ניט זארגען פאר זיך.

אין דער היברו ארפאן עסיילום האום פאר יידים ווערען אזעלכע מיידלאך געהאלטען אייניגע מאנאטען, וואו זיי ווערען געטרענירט אלע הויז ארבייטען. נאכדעם ווי זיי זיינען אפגעווען אין דער האום פינף מאנאטען, זעהט מען פאר זיי צוקריגען וועלכע ניט איז באשעפטיגונג. אם מעהרסטענס ווערט פאר די מיידלאך אויסגעזוכט א היים אין א פריוואטער פאמיליע. און אין די ערשטע יאהרען פון זייער זארגען פאר זיך אליין, געפינען זיי זיך נאך אלץ אונטער דער אויפזיכט פון עלטערע און ערפאהרענע מענשען.

אין דער האום זיינען איצט פאראן 14 מיידלאך. עס טרעפט אפט אז די מיידלאך, נאכדעם ווי זיי זיינען געווען אין דעם האום נעמען אן אפארטמענט פאר זיך. אזוי האבען עס איצט געטאן פיר מיידלאך, די האום האט זיי געהאלפען אויספארנישען דאס הויז. צוויי פון די מיידלאך זיינען טיטשערס און די אנדערע צוויי טוען אן אנדער סארט ארבייט.

די האום ווערט געשטיצט פון דער פעדערעישאן פון פילאנטראפישע אנשטאלטען.

קלאוק, סקוירט און דרעס פרעסערס יוניאן לאקאל 35

אויפמערקזאם!

ספעציעלע סעקשאן מיטינגען

ווערען אפגעהאלטען ווערען

מאנטאג אווענט, דעם 25טען נאוועמבער

אין די פאלגענדע פלעצער:

אלע ניו יארקער קלאוק פרעסער
וועלען מיטען
אין קלינטאן האל, 151 קלינטאן סטריט.

אלע ניו יארקער דרעס פרעסער
וועלען מיטען
אין מאנהעטען ליסעאום, 66 איסט 4טע סטריט.

אלע בראנזווילער פרעסער
וועלען מיטען
אין דעם בראנזוויל לייבאר ליסעאום, 219 סעקמאן סטריט.

די פאלגענדע פונקטען זיינען אויף דעם טאג־ארדנונג:

1. ערשטע און לעצטע נאמינייטשאנס פאר מענעדזשער, פאר פרעזידענט פון לאקאל, פאר אן עקזעקוטיוו באארד און פאר דער רעריף קאמיטע.
2. באריכטען.
3. צום וואויל און בעסטען.

אלע מיטגלידער פון לאקאל 35 ווערען אויפגעפאדערט צו קומען צום מיטינג.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 35.
דזש. ברעסלאו, מענעדזשער־סעקרעטער.

דער

ארבייטער רינג

אין דער גרעסטער און שטארקסטער ראדיקאלער אידישער ארבייטער ארדען אויף דער וועלט.

פארמאגט — $2,500,000.00
מיטגלידער — 83,000
ברענטשעס — 740

דער ארב. רינג שטיצט יעדען וויכטיגען עקאנאמישען און פאליטישען קאמף.

דער ארב. רינג איז דער קולטור צענטער אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג.

דער ארבייטער רינג איז דער איינציגער אידישער ארדען, וואס האט אן אייגענעם סאניטאריום פאר זיינע קאנסאמפטיוו מיטגלידער.

מעמבערס ווערען אריינגענומען אין עלטער פון 18 ביז 45 יאהר.

אויב איהר זייט נאך ניט קיין מיטגליד, שליסט זיך גלייך אן!

נאך אויסקינפטע זיך ווענדען:

THE WORKMEN'S CIRCLE
175 EAST BROADWAY, NEW YORK, N. Y.

זייט איהר נערוועז?

עס איז כמעט נישטא איין מענש, וועלכער זאל אויף אזא אדער אנדער אופן ניט ליידען פון א נערוועז־קראנקהייט.

ווייסט איהר, דאס דער יוניאן העלטה סענטער, 131 איסט 17טע סטריט, האט א ספעציאליסט אויף נערוועז־קראנקהייטען? איהר קענט איהם זעהן יעדען מיטוואך פון 5 ביז 6.30 אבענדס.

בלויז איין דאלאר ווערט גערעכענט צו מעמבערס פון אנגעשלאסענע לאקאלען.

JEWISH DIV

No 29 '2

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ"ז, 6.)

אין מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט ןפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װארקערס יוניאן

Vol. VI. No. 48. New York, Friday, Nov. 28, 1924. פרייטאג, 28טען נאוועמבער, 1924. PRICE 3 CENTS

סעמועל גאמפערס ערשטע[...]יערען פון דעם לאקאל 17 אינד[...]

Comp City N Y 42 & 5 Ave Library

די פיהרער פון לאקאל 17 האבען געפרופט מאכען דעם איינדרוק, [...] אפאזיציע צו אונזער אינטערנעשאנאל, האבען זיי אויף זייער זייט די [...] פעדערײשאן און ליבאר און מאנכע לייכט־גלויביגע מענשען האבען אפשר גע[...] מיינען, אז עס איז טאקע אזוי. מען האט געוואוסט, אז העלער איז געווען א וואשינגטאן איידער ער האט ארויסגענומען דעם אינדזשאנקשאן געגען דזשאינט באארד און געגען אונזער אינטערנעשאנאל, און מאנכע נאאיווע מענשען האבען געמורמעלט, אז עס קאן זיין, דאס די פיהרער פון לאקאל 17 האבען די צושטימונג פון דער א. פ. און ל. צו זייער אנטי־יוניאן האנדלונג. אזא געדאנק איז, נאטירליך, גאנץ ווילד, אבער געה זיי א חכם! ווייניג ווילדע זאכען גלויבט דער עולם?

איצט, אבער, וועלען אזעלכע ווילדע קלאנגען מעהר ניט קאנען פון קיינעם פארשפרייט ווערען. די טעלעגראמע פון סעמיועל גאמפערס, דער פרעזידענט פון דער א. פ. און ל., וואס מיר פארעפענטליכען דא, וועלכע ער האט צוגעשיקט פון על פאזא, פון דער קאנווענשאן פון דער פעדערײשאן, צו סעקרעטאר אב. באראף, — רעדט פאר זיך אליין און מאכט א סוף צו אלע יענע קלאנגען. איצטער בלייבט איבער פאר די מיטגלידער פון לאקאל 17 צו צווינגען די פיהרער פון דעם לאקאל אויסצופאלגען דעם באשלוס פון גענעראל עקזעקוטיוו באארד, ווי סעמיועל גאמפערס ווייזט עס אן אין דער טעלעגראמע, וואס לעזט זיך ווי פאלגט:

על פאזא, טעקסעס, נאוועמבער, 23טען, 1924.

אברהם באראף, 3 וועסט 16טע סטריט.

איך בין ערשטוינט צו הערען, דאס איינציגע מעמבערס פון דעם פריהערדיגען לאקאל, נומער 17 פון דער אינטערנעשאנאל גארמענט ווארקערס יוניאן, האבען ארויסגענומען אן אינדזשאנקשאן געגען די אינטערנעשאנאל, געגען דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד און געגען אנדערע לאיאלע מעמבערס פון דער יוניאן, אום צו שטערען די דורכפיהרונג פון א באשלוס, וואס איז אנגענומען געווארען פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד.

איך האב געהאט און האב איצט פאר מיר אלע פאקטען בנוגע צו דער אנגעלעגענהייט. און די הויפט־פאקטען האב איך געקראגען צו וויסען פון ברודער העללער און איינציגע אנדערע, וועלכע האבען עס מיר מיטגעטיילט צוערשט מינדליך און נאכהער שריפטליך, ערקלערענדיג זייער געגנערשאפט צום באשלוס פון דעם ג. ע. ב. וואס אנבאטרעפט דעם באשלוס פון דעם ג. ע. ב. וועגען דער אדער אנאנדער פראגע, — דאס איז איצט פון א קנאפערער וויכטיגקייט. וואס איז יא וויכטיג, איז די פראגע, צי האט דער ג. ע. ב. געהאט דאס רעכט אזוי צו האנדלען אין דעם פרט. איך ערקלער פעסט, דאס דער ג. ע. ב. האט ניט איבערשטייגען זיין רעכט אדער זיין אויטאריטעט.

עס איז זעהר ניט קיין פיינע האנדלונג און געגען די אינטערעסען פון די ארבייטער פון דער זייט פון ברודער העללער און איניגע אנדערע צו נעהמען צו־הילף די קאורטס פאר די אויסגלייכונג פון אן אינערליכען שטרייט אין א טרייד־יוניאן.

די קאורטס, ווי געוועהנליך, האנדלען פון א לעגאליסטישען שטאנדפונקט, בעת די טרייד־יוניאנס מוזען האנדלען פאר די עקאנאמישע שטארקייט און פאר די באשיצונג פון די רעכטע און אינטערעסען פון די ארבייטער, און צו מאכען די יוניאנס מעהר שטארק און ווירקונגספול.

איך שיק אייך דעם טעלעגראפישען בריף, כדי קיינער זאל ניט קענען באהויפטען, דאס איך שטעל אין פראגע דאס רעכט און די אויטאריטעט פון דעם ג. ע. ב. פון דער אינטערנעשאנאל צו פאסען א באשלוס אין דעם פאל. איך שיק אויך א טעלעגראמע צו ברודער העללער, פאר וועמען איך האב אימער געהאט פיל אכטונג, און פארלאנג פון איהם, אז ער זאל זיך האלטען ביי די געזעצע פון טרייד־יוניאנס, און ניט זוכען זיין שוץ אין אינדזשאנקשאנס.

סעמיועל גאמפערס,
פרעזידענט א. פ. און ל.

קאנווענשאן פון די א. פ. און ל. באגריסט אונזער אינטערנעשאנאל צום 25־יעהריגען יובילעאום

אונזער אינטערנעשאנאל פרעזענטירט די קאנווענשאן מיט א מארמארנער סטאטוע פון סעמיועל גאמפערס.

פרעזידענט זיגמאן שטעלט אוועק די סטאטוע אויף דער פלאטפארמע וואו עס ווערט אפגעהאלטען די קאנווענשאן פון דער פעדערײשאן און האלט דערביי א הארציגע רעדע. — פרעזידענט גאמפערס באדאנקט די אינטערנעשאנאל פאר דער מתנה. — די רעזאלוציע פון אונזער דעלעגאציע צו פאדערען די באפרייאונג פון מוני און פון סאקא און וואנזעטי, אנגענומען.—גאמפערס איינשטימיג ערוועהלט צום 44טען מאל.— אויך גאנצער עקזעקוטיוו קאונסיל ווידער ערוועהלט. — קאנווענשאן באגריסט אונזער אינטערנעשאנאל צום 25־יאהריגען יובילעאום און לויבט איהר ארבייט.

פרעזידענט סעמיועל גאמפערס איז איינשטימיג ווידער ערוועהלט געווארען אלס פרעזידענט פון דער אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר. ער איז ערוועהלט געווארען צום 44טען מאל. עס איז אויך ווידער ערוועהלט געווארען דער גאנצער עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער פעדערײשאן.

דינסטאג האט די קאנווענשאן אנגענומען א רעזאלוציע, פארגעשלאגען פון וויליאם גרין, דער סעקרעטער־טרעזשורער פון די יונייטעד מאין ווארקערס, דאס די 44טע קאנווענשאן פון דער אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר באגריסט אונזער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן צו איהר 25 יאהריגען יובילעאום. אין דער רעזאלוציע ווערט שטארק געלויבט אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן, פאר די פילע אויפטואונגען אין דער ארבייטער באוועגונג און פאר די נאדעל־ארבייטער ספעציעל. אין דער רעזאלוציע ווערט גערעדט פון אונזער אינטערנעשא־

(שלוס אויף זייט 16.)

לאקאל 2 האלט אפ א רייהע פון 10 ערפאלגרייכע סעקשאן מיטינגען

א צווייטער גענעראל מעמבער־מיטינג דעם שבת בייטאג, אין מאנהעטען לייסעאום. — סעקשאן מיטינגען הייסען גוט די רעקאמענדאציעס פון עקזעקוטיוו באארד. — דער לאקאל ארגאנזירט א קאנצערט צו פייערען די ערעפענונג פון עדיוקיישאנאל סיזאן.

לעצטען מאנטאג אווענט האט לאקאל 2 אפגעהאלטען 10 באזונדערע סעקשאן־מיטינגען אין די פארשיידענע קווארטאלען פון גרייטער ניו יארק, פון די בראנקס ביז קאני איילאנד. אלע דיזע מיטינגען זיינען געווען אן ערפאלג אין אלע הינזיכטען.

די סעקשאן מיטינגען זיינען באזוכט געווארען פון איבער פינף און דרייסיג הונדערט קלאוק־אפערייטארס און עס זיינען דארט גאנץ זאכליך דיסקוטירט געווארען די פראבלעמען פון טרייד. אלע זיינען מיט דער מיינונג, דאס אזעלכע גוט־באזוכטע סעקשאן־מיטינגען האט די קלאוק־אפערייטארס יוניאן ניט געהאט שוין פאר א לאנגע צייט. די טשערלייט פון די סעקשאן־מיטינגען זיינען איינפאך איבערראשט געווען צו זעהן די גרויסע צאהל אפערייטארס אויף די מיטינגען, און די אנוועזענדע האבען מיט גרויס אינטערעס אנטייל גענומען אין די דיסקוסיעס, וואס זיינען דארט פארגעקומען וועגען וויכטיגע יוניאן־פראגען.

ווי באוואוסט, האט די עקזעקוטיווע פון לאקאל 2 רעקאמענדירט צום לעצטען גענעראל מעמבער־מיטינג, דאס די יוניאן זאל פאסען א באשלוס, אז יעדער מעמבער זאל זיין געצוואונגען איין מאל אין מאנאט צו באזוכען א מיטינג פון דער יוניאן, און ווער עס וועט דאס ניט

(שלוס אויף זייט 6)

אינהאלט־פארציכנים

„גערעכטיגקייט" נומער 48.

זייט 2. מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן — מ. שעהנפעלד.
זייט 3. א ווארט צו די מיטגלידער פון די דער קלאוק פינישערס יוניאן, לאקאל 9 — ל. היימאן. דיסטריקט קאונסיל נייעס.
זייט 4. עדיוקיישאנאל נאטיצען.
זייט 5. עקזאמינערס יוניאן לאקאל 82 — מ. י. אשפיז. א באריכט פון לאק. 56 — וואלף וויינער. וואהלען אין לאקאל 90.
זייט 6. טרייד און ארגאניזאציאנס־פראגען.
זייט 7. „מענערס" — מרים קארפילאוו.
זייט 8. עדיטאריעלע נאטיצען.
זייט 9. גענאסע מ. בארנאוו — ש. יאנאווסקי. הערבסט־לידער — ב. צ. בורשטאק.
זייט 10. וויכטיגע פאסירונגען ביי די קלאוק און דרעסמאכער פון שיקאגא — מ. ביאלים. קורץ און שארף — י. ב. ג. אינטערנעשאנאל קאלענדאר — ה. סקולמאן.
זייט 11. דער עקאנאמישער לעבענס־פראבלעם פון סאוועט־רוסלאנד — לעאן כאזאנאוויטש. צו וואס שעהנע פרויען? — דער לעבעדיגער.
זייט 12. מעהרסטע סאניטאריומס האלטען ניט לאנג גענוג זייערע פאציענטען — ז. ל. קורצע שמועסען.
זייט 14 און 15. אדווערטייזמ. און שלוסען.
זייט 16. שלוסען פון זייט 1. אדווערטייזמ.

דזשוינט באארד פאנגט אן קאנפערענצען מיט די דרעס מאנופעקטשורער

קומענדע וואך א קאנפערענץ אויך מיט די דרעס־דזשאבערס אסס'ן.

דער קאלעקטיוו אגרימענט אין דער דרעס אינדוסטריע פון ניו יארק געהט אויס דעם קומענדען 31טען דעצעמבער, און שריטע ווערען גענומען דעם אגרימענט צו באנייען מיט געוויסע פארבעסערונגען. פאר דעם צוועק זיינען שוין אפגעהאלטען געווארען איינצע מיטינגען פון די בעאמטע פון דער יוניאן, וואו די פראגען וועגען באנייען דעם אגרימענט איז דיסקוטירט געווארען. עס איז אויך גערעדט געווארען וועגען געוויסע רעפארמען, וועגען מאנכע נייע פונקטען, וואס די יוניאן זאל ארויסשטעלען, ווען עס וועט קומען צו באנייען דעם אגרימענט.

פאראכטאגען מיטוואך איז שוין אויך אפגעהאלטען געווארען א קאנפערענץ צווישען פארטרעטער פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן און פארשטעהער פון דער דרעסמא־פעקטשורערס אסאסיאיישאן. דאס איז געווען, אזוי צו זאגען, בלויז א „פרעלימינערי" קאנפערענץ. עס זיינען דאר־

(שלוס אויף זייט 4)

דער קאנצערט פון אינטערנעשאנאל כאר אין פרעמיער טעאטער מיטוואך אווענט

דער אינטערנעשאנאל כאר גיט א גרויסארטיגען קאנצערט קומענדען מיטוואך אווענט, דעם 3טען דעצעמבער, אין דעם פרעמיער טעאטער, סאטער עוו. און היגסדייל סט., בראנזוויל.

מאנכע וועלען זיך אפשר וואונדערען ווארום מיר זאגען, אז דאס וועט זיין א גרויסארטיגער קאנצערט איידער דער קאנצערט איז פארגעקומען. עס איז אבער גענוג איבערצוקוקען די פראגראם פון אווענט, מען זאל באלד קענען זאגען, אז דאס וועט ווירקליך זיין א גרויסארטיגער קאנצערט.

ערשטענס, טרעט אויף דער אינטערנעשאנאל כאר, אונטער דער פיהרערשאפט פון דעם באוואוסטען מוזיקער לעא ליאוו. אונזערע מיטגלידער הא־

(שלוס אויף זייט 14)

א גרויסער מעמבער־מיטינג פון קלאוק אפערייטארס אין וועבסטער האל

(שלוס פון זייט 1).

דער וואס זיי האבען געוואלט, ווען אפילו זיי האבען ניט גערערט צום פונקט.

אויף דעם מיטינג איז פארגעקומען א דיסקוסיע איבער דער פראגע, וואס עס דארף געטאן ווערען צו מאכען די קלאוק אפערייטאר'ס יוניאן שטארקער און בעסער. און עס האבען זיך געמעלדעט צום ווארט אזוי פיל רעדנער, דאס עס וואלט געניג געווען אויף צו זיצען אין האל נאך א פאר טעג. אבער אזוי ווי דער מיטינג האט זיך געענדיגט ארום האלב נאך עלף זיינען א סך רעדנער פארבליבען אויף דער ליסט, און זיי וועלען רעדען א צווייטען מאל, אויף א צווייטען דזשענעראל מעמבער מיטינג פון דעם לאקאל, וואס וועט קירצליך אפגעהאלטען ווערען.

אין פארלויף פון דער דיסקוסיע האבען די רעדנער געמאכט פארשיידענע פארשלאגען ווי אויסצובעסערען די יוניאן. צווישען די פארשלאגען זיינען געווען: דאס די גענעראל באאמטע פון אינזער אינטערנעשאנאל זאלען ערוועהלט ווערען דורך א רעפערענדום אפשטימונג. דאס א באאמטער פון דער יוניאן זאל ניט קאנען זיין אין אמט לענגער ווי צוויי יאהר. דאס עס זאל ארויפגעלעגט ווערען מעהר פאראנטווארטליכקייט אויף די עקזעקוטיוו באארד מעמבערס און די דעלעגאטען צום דזשאינט באארד. עס זאל זיין פראפארשיאנאל רעפרעזענטיישאן ביים דזשאינט באארד. דאס די „גערעכטיגקייט" זאל „אויסדריקען דעם סענטימענט פון די מעמבערס און ניט בלויז פון די באאמטע" און נאך אנדערעס.

אבער כמעט אלע וואס האבען גערעדט האבען זיך אפגעשטעלט הויפטזעכליך אויף דעם, דאס די דיוס האט ניט גע־דארפט געהעכערט ווערען... יעדענפאלס — האבען די רעדנער אנגעוויזען — האט עס ניט געדארפט טאן דער דזשאינט באארד אליין; עס האט געדארפט איבער־געגעבען ווערען צו דער מעמבערשיפ צו באשטימען, אויב די דיוס זאל געהעכערט ווערען אדער ניט. די רעדנער האבען זיך געהאלטען גאנץ פריי און האבען גערערט ווי זיי האבען געוואלט.

רעגעלע סעקשאן־מיטינגען קומענדען מאנטאג אווענט.

מאנטאג אווענט, דעם 24טען נאוועמבער, וועלען אפגעהאלטען ווערען רעגעלע סעקשאן מיטינגען פון אלע קלאוק אפערייטארס. די מיטינגען וועלען אפגעהאלטען ווערען אין אלע טיילען פון גרייטער ניו יארק, ווי די לעזער קאנען עס זעהן פון דער אנאנס פון לאקאל 2, וואס ווערט געדרוקט דא אונטען. זאלען די קלאוק אפערייטארס פון די אלע געגענדען פון גרייטער ניו יארק ניט פארפעלען צו קומען צו די סעקשאן מיטינגען. עס וועלען דארט דיסקוטירט ווערען אינטערעסאנטע טרייד און ארגאניזאציאנס־פראגען, און עס איז וויכטיג דאס די קלאוק אפערייטארס זאלען קומען און זיך באטייליגען אין דער דיסקוסיע.

דרעסמאכער יוניאן לאקאל 22 גרייט זיך צו די וואהלען פאר באאמטע

(שלוס פון זייט 1)

געפאדערט די מעמבערס פון דעם לאקאל נאכצוזעהן די ליסט פון די נאמינירטע, וואס איז געדרוקט אויף א צווייטען ארט פון דער צייטונג, אין דער אנאנס פון לאקאל 22, און אויב זיי האבען עפעס אויסצוזעצען געגען אירגענד וועלכען פון די נאמינירטע קאנדידאטען זיינען זיי געבעטען עס צו טאן מינדליך אדער שריפטליך, אין אפיס פון לאקאל 22, 16 וועסט 21טע סטריט.

עס איז צו האפען, דאס די מיטגלידער פון לאקאל 22 פארשטעהען וואס פאר א פאראנטווארטליכקייט עס ליגט אויף די באאמטע וואס שטעהען ביים רודער פון אזא גרויסען לאקאל און דאס זיי וועלען טאן די פולע פליכט צו זיך און זייער יוניאן צו זעהן, דאס די מעהר פעהיגע, און די סאמע פאסענדסטע קאנדידאטען זאלען ערוועהלט ווערען.

קלאוקמאכער יוניאן פון שיקאגא קאנפערירט מיט מאנופעקטשורער

(שלוס פון זייט 1).

דער קלאוק מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן, האט ערקלערט די אורזאכען ווארום די מאנופעקטשורערס ווילען, מען זאל בעטלען די פראגע פון נייעם אגרימענט. ער האט אנגעוויזען, אז די לאגע אין דער קלאוק אינדוסטריע אין שיקאגא איז ניט אין קיין גלענצענדען צושטאנד און מען מוז זעהן אויסארבייטען פלענער ווי אויסצובעסערען די באדינגונגען די אינדוסטריע זאל זיין בעסער פאר אלעמען.

„מאריס זיגמאן, פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל, האט ערקלערט, אז שיקאגא איז ניט קיין אויסנאם. אין דער איצטיגער צייט געפינט זיך די גאנצע קלאוק אינדוסטריע אין אן איבערגאנגס פעריאדע צוליב די ענדערונגען פון מאנופעקטשורינג, און די אינטערנעשאנאל איז פאראינטערעסירט, די אינדוסטריע זאל זיך געפינען אין אן אקטיווען און גוטען צושטאנד און וועט אהן צווייפעל טאן אלעס וואס איז מעגליך צו העלפען, אז די באדינגונגען זאלען זיין אזעלכע, אז די אינדוסטריע זאל זיך געפינען אין א בעסערען צושטאנד.

„וואס אנבאלאנגט די פארהאנדלונגען ווענען א נייעם אגרימענט, האט פרעזידענט זיגמאן ערקלערט, אז דער דזשאינט באארד האלט איצט אין אויסארבייטען די פארערונגען און אויסבעסערונגען אין דעם אגרימענט און אז מייער פערלשטיין, וועלכער איז איצט אין ניו יארק, וועט נעקסטע וואך קומען אין שיקאגא און וועט צוגרייטען אלעס וואס איז נויטיג פאר א פארמעלען קאנפערענץ מיט די מאנופעקטשורערס און מען וועט פארהאנדלען אפיציעל די פארערונגען, ביי וועלכע זיגמאן וועט פיליכט זיין אנוועזענד, ווען ער וועט אויפ'ן וועג פון על פאזא זיך אפשטעלען אין שיקאגא.

„די פארטרעטער פון די קלאוק מאנופעקטשורערס האבען צוגעשטימט צו זיגמאנ'ס פלאן און דער קאנפערענץ האט זיך געשלאסען.

„די פאלגענדע זיינען געווען פארטראטען ביים קאנפערענץ:

פאר דעם דזשאינט באארד: א. שער, פרעזידענט פון דעם דזשאינט באארד און טשערמאן פון פינישערס לאקאל 59; מ. ראפאפארט, סעקרעטאר פון דזשאינט באארד; מ. ביאלעס, מענעדזשער פון דזשאינט באארד; ר. פייטעלסאן, טשערמאן פון לאקאל 18; ראי גלאסמאן, טשערמאן פון לאקאל 81; ב. ראלניק, ה. רופער, מ. נאוויק, ביזנעס איידזשענטס און מ. גאלדשטיין, סעקרעטאר טרעזשורער פון דזשאינט באארד.

„פאר די מאנופעקטשורערס: מר. קירשבאום, פרעזידענט קלאוק מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן; מר. ווײנשטאק, סעקרעטאר; מר. ארבייטסמאן, מר. עליסבערג, מר. עשעל און מר. טאביאס, ביזנעס מענעדזשער פון דער קלאוק מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן.

„פרעזידענט זיגמאן איז דאן אפגעפאהרען נאך על פאזא, טעקסעס, צו דער קאנווענשאן פון דער אמעריקאן פעדערישאן אוו לייבאר".

דיסטריקט קאונסיל פיהרט אן א לעבעדיגען ארגאניזאציאנס־קאמפיין

(שלוס פון זייט 1.)

ווי דער יוניאן, ווארים די ניט ארגאניזירטע שעפער אין די אלע טריידס דריקען ארונטער די ארבייטס סטענדארדס און אויך די ארבייטער פון די יוניאן שעפער ליידען ניט ווייניג דערפון.

דער ארגאניזאציאנס קאמפיין איז אונטער דער אויפזיכט פון וויס־פרעזידענט סעמיועל לעפקאוויטש, דער מענעדזשער פון דעם דיסטריקט קאונסיל. אין אפיס פון דעם קאונסיל, 3 וועסט 16טע סטריט, שוויבעלט מיט לעבען און טעטיגקייט. און עס איז זיכער, דאס דער ארגאניזאציאנס קאמפיין וועט ברענגען גוטע רעזולטאטען. עס וועלען געשטארקט ווערען די אלע לאקאלס, וואס זיינען אנגעשלאסען צום דיסטריקט קאונסיל און וועט שטארקער מאכען די אינטערנעשאנאל אין ניו יארק בכלל.

ווייסט איהר, אז

אין ווייס־רוסלאנד געפינען זיך 14.000 לעהרער, לויט דער „רוסישער אינפארמציאן און ביורא", אן אפיציעלע צייטונג פון דער רוסישער סאוועט־דעלעגאציע אין לאנדאן? פון דיזער צאהל זיינען 7764 ווייס־רוסען, 3298 רוסען, 1988 אידען און 1050 פאליאקען און אנדערע. 900 פון די לעהרער באלאנגען צו דער קאמוניסטישער פארטיי און 500 צו דער יונגער קאמוניסטישער ליג. ווייסט איהר, אז ווען איהר קויפט העלמאר טערקישע סיגארעטען זעהט איהר שנעל אין דעם אונטערשייד צווישען טערקישע טאבאק און געוועהנליכע היימישע טאבאק? איהר וועט ענדזשאיען א „טשעינדזש" אויף טערקיש.

קלאוק אפערייטארס!

אלע מעמבערס פון דער קלאוק אפערייטארס יוניאן לאקאל 2

זיינען אויפגעפאדערט צו אטענדען

די נעקסטע רעגעלע סעקשאן מיטינגען

מאנטאג, דעם 24טען נאוועמבער, 7.30 אווענט

אין די פאלגענדע פלעצער:

בראנקס:

1. האנטס פאינט פאלאס, 163טע סט. און סאוטהערן בולווארד.
2. 542 איסט 145טע סט., צווישען סט. עננס און ברוק עוועניוס.
3. לאנדאן קאסינא, קלערמאנט פארקוועי און דריטע עוועניו.

הארלעם:

4. סאציאליסטישער סענטער, 62 איסט 106טע סטריט.

דאון־טאון:

5. „פארווערטס" האל, 175 איסט בראדוויי.
6. בעטהאווען האל, 210 איסט 5טע סטריט.

וויליאמסבורג

7. אין 105 מאנטראז עוועניו.

בראנזוויל:

8. בראנזוויל לייבאר ליסעאום, 219 סעקמאן סטריט.

בארא פארק:

9. 1373 — 43טע סטריט, נעבען 13טע עוועניו.

קוני איילענד:

10. בארדזואק האטעל, 3033 וועסט 23טע סטריט.

יעדער מעמבער פון לאקאל 2 איז אויפגעפאדערט צו קומען צו דעם נאהענטסטען סעקשאן מיטינג פון דעם געגענד וואו ער וואוינט. די יעניגע מעמבערס, וועלכע וועלען ניט אטענדען אמווייניגסטען איין (1) מיטינג אין מאנאט וועלען באצאהלען א דאלאר שטראף.

איידער איהר פארלאזט דעם סעקשאן מיטינג סטעמפט אייער יוניאן ביכעל, ווייל די וואס וועלען ניט האבען דעם מאנאטליכען סטעמפ אויף זייער יוניאן ביכעל וועלען דארפען צאהלען דעם דאלאר שטראף.

לאקאל 2 האט איצט א מעמבערשיפ פון 12 טויזענט מעמבעערס און די צייט איז געקומען ווען יעדער מעמבער מוז נעמען א טיכטיגען אנטייל אין דער ארבייט פון דער יוניאן און דורך דיזער אקטיוויטעט מאכען די יוניאן פאר דער אמת'ער באשיצערין פון אונזערע מעמבערס און זייערע פאמיליעס.

מיט ברודער גרוס,

עקזעקוטיוו באארד, לאקאל 2

אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װארקערס יוניאן.

נ. ב. דער צווייטער דזשענעראל מעמבער מיטינג פון אונזער לאקאל וועט אפגעהאלטען ווערען מאנטאג דעם 1טען דעצעמבער, 7.30 אווענט, אין מאנהעטען ליסעאום, 66 איסט 4טע סטריט. די פראגע אויף דעם טאגעס־ארדנונג וועט זיין: **דער לעצטער סטאפעדזש און דעם גאווערנאר'ס קאמישאן.**